יוצא לאור ע"י

איחוד תלמידי וחסידי טאהש

גליון

# באור החיים

פרשת מקץ - חנוכה - תשפ"ו לפ"ק

גליון תת"ס


## באור פני מלך

פניני עבודה על פרשת השבוע

פרשת מקץ

### צריכין לעבוד את השי"ת בכל מצב שהוא

**וישלח פרעה ויקרא את יוסף ויריצוהו מן הבור.**

דקדקו המפרשים, למה נאמר "ויריצוהו" ולא ויעלוהו או ויוצאוהו.

ופירשו בזה שהוא לשון ריצוי ופיוס, שכאשר הוציאו את יוסף מן הבור, מצאו אותו מרוצה ברצון שלם, שלא היה שרוי בכעס ורוגז על מה שעבר עליו, ולא התאונן על מצבו, ולא היה לו שום טענה ותביעה על שום אדם, כי השיג בהשגחה אמיתית שלא ירד לעלמא הדין, אלא כדי להכין לו צדה לעולם הבא, כענין שאמרו חז"ל (אבות ד' ט"ז) התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין.

מזה ילמד כל אדם, שכאשר עוברים עליו ימים וזמנים קשים, שצר לו בבני חיי ומזוני, בכמה מיני צרות וקושיים השם ירחם, בכל זאת לא יהא שרוי בפחד וביגון, אלא יזכור תמיד כי יש לנו אב נאמן, וכל מה שעושה עמנו הוא מרוב חסדו וטובתו אלינו, ובכח התחזקות זה, ימשיך לקיים רצון ה' באותו מצב שהוא נמצא, עד שיזכה לראות בישועת ה'.

(פתג"ק ויחי)

חנוכה

### מצות המנורה מאיר לכל העולם

**והדליקו נרות בחצרות קדשך.**

לכאורה קשה הלשון בחצרות קדשיך, דהלא הדליקו המנורה בההיכל ולא בהחצר.

אלא הענין הוא, דהמנורה האירו גם בחוץ, וכל העולם מקבל אורות מהמנורה, וכן כל הבית המקדש היה מטהר אויר העולם, כמה דכתיב (שמות כג, כד) שלש רגלים תחוג לי "בשנה", ולא כתיב שלש רגלים תחוג לי, ופירשו הצדיקים שבעת שבני ישראל היו באים לירושלים בשלש רגלים היה מקבלים אורות וחיות לכל השנה, וזהו שכתוב שלש פעמים תחוג לי בשנה, שע"י שתחוג שלש פעמים, מקבלים אורות לכל השנה.

(שפ"ק תצוה)

### יו"ט חנוכה היא מסוגל לדבק בהשי"ת

בימי חנוכה נקל יותר להשיג האור, כי אור הגנוז יורד ומשפיל עצמו ומאיר אף למי שנמצא בדיוטא התחתונה, ומטעם זה מדליקים נרות דייקא למטה מעשרה, להראות שהשכינה הק' יורדת אף למטה מעשרה, לכן הזמן הזה הוא מסוגל להתקרב להשי"ת ולהתחיל להרגיש האור ודביקות בהשי"ת.

(שיח"ק וישב)

### נר חנוכה מהפך צד הרע לטוב

בגמ' (שבת כב.) והלכתא משמאל כדי שתהא מזוזה מימין ונר חנוכה משמאל.

יש לבאר הענין בזה, מה שתיקנו להדליק נר חנוכה בצד שמאל, הלא בכל מקום יש להקדים צד הימין.

עוד צריך לבאר מה שתיקנו חז"ל שיש

המשך בע' א


פרנס פעולות האיחוד לחודש טבת

נתנדב על ידי הרבני הנגיד הטפסר המרומם רודף צדקה וחסד בונה ומקים עולמות של תורה וחסידות

הרה"ח משה חיים בערקאוויטש שליט"א

לעילוי נשמות הוריו היקרים

אביו הרה"ח יעקב אליעזר ב"ר יחיאל מיכל ז"ל - אמו האה"ח מרת דבורה חנה ב"ר יצחק צבי ע"ה

ולע"נ בתו האה"ח מרת דילא רבקה לאה ע"ה

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים אמן

אשריך וטוב לך! הזכותים אדירים יעמדו לך ולזכותך! מה טוב חלקך וחבלך בזה ובבא!

בכבוד רב

הנהלת איחוד תלמידי וחסידי טאהש

בשם כלל אנשי שלומינו

# שביבי אש

קורצע טרעפליכע טייטשן מתורתו של כ"ק מרן רבינו הקדוש זיעועכי"א

**לא המתים יהללו קה, נישט די תורה ותפלה אן קיין חיות איז חשוב ביים אייבערשטן.**

(שיח"ק ח"א רי"ז)

# דער הייליגער רבי זאגט

ילקוט אמרים מכ"ק רביה"ק זי"ע מלוקט מספרי דבי רב - באדיש

## אז מען פירט זיך למעלה מן הטבע, קומט השפעות עד בלי די

**ויהי מקץ שנתיים ימים.**

ווערט געברענגט אין מדרש הה"ד קץ שם לחושך.

קען זיין א רמז אויף די שייכות פון דעם פסוק צו אונזער פרשה, לויט ווי די ספה"ק זענען מסביר, אז אויב א מענטש פירט זיך אין עבודת ה' למעלה מן הטבע, ער הארעוועט מיט מסירת נפש, דאן פירט מען זיך מיט אים פון הימל אויך למעלה מן הטבע, ווייל דער אייבערשטער פירט זיך מיטן מענטש מדה כנגד מדה, ממילא אפי' אויב ע"פ דין איז ח"ו אנגעשריבן אויף אים צרות און חשכות, פירט מען זיך מיט אים למעלה מן הטבע און מען איז אלעס מבטל פון אים, מען איז ממתיק אלע זיינע דינים און צרות.

דאס איז פשט וואס חז"ל זאגן, ווען איינער וויל תשובה טון, מה יעשה ויחיה, אם היה למוד לקרות דף אחד קורא שני דפים, ער זאל טון דאפעלט, למעלה מכוחותיו, אזוי וועט ער ווערן צוריק אויפגעלעבט, אזוי וועט אים ווערן לעכטיג, ווייל וויבאלד ער שטרענגט זיך אן און ער טוט למעלה מטבעו, פירט מען זיך מיט אים אויך למעלה מן הטבע, און מ'דערלייכט אים אין זיין חשכות.

דאס קען זיין מרומז אין דעם וואס דער מדרש ברענגט צו דא דעם פסוק קץ שם לחושך, קץ שם לחושך איז טייטש, דער אייבערשטער האט געמאכט אז יעדע חשכות, יעדע מיטמאכעניש, זאל אמאל האבן א סוף, עס זאל זיך ענדיגן, זאגט דער פסוק "ויהי מקץ", ווי אזוי קען זיין קץ שם לחושך, ווי אזוי קען מען טאקע מאכן דעם סוף פון ארויסצוקריכן פון די חשכות, "שנתיים ימים" אז ער מאכט דאפעלט די טעג, דאס מיינט אז ער טוט דאפעלט פון וויפיל ער קען, ער הארעוועט למעלה מכוחותיו, למעלה מטבעו, דעמאלטס פירט מען זיך מיט אים פון הימל אויך למעלה מן הטבע, און מ'דערלייכט אים מיט אורות אינעם חשכות, ס'זאל זיין זרח בחושך אור לישרים.

(אמ"ק מקץ)

המשך מע' א

להתחיל בכל לילה מן הנר היותר השמאלי, ולפנות משם אל צד ימין.

ויבואר הענין על פי הידוע, כי תכלית הבריאה היתה בשביל הבחירה, שיהא לאדם יצר טוב ויצר הרע, והוא בבחירתו יגביר צד הטוב על הרע, ויהפוך גם את כח היצר הרע אל הטוב, ובעת הנס של חנוכה נשפע לבני ישראל כח גדול בענין זה, כי בעת ההיא היתה התגברות כח הרע על בני ישראל בכח גדול, ובני ישראל מסרו נפשם להאיר אור בתוך החושך של יון ולהגביר כח הטוב על הרע, ובכח זה זכו שנמשך להם גם מלמעלה כח זה, להאיר אור בתוך החושך, וקיבלו כח גדול להפוך את היצר הרע אל הטוב, ולהפוך צד השמאל אל צד הימין, וכן בכל דור ודור זהו עיקר הכח של נר חנוכה, שהיא להאיר אור בתוך החושך דייקא, ונשפע כח מיוחד, להפוך אף את צד הרע אל הטוב.

לכן תיקנו להדליק בצד שמאל של הפתח דייקא, וכן תיקנו להתחיל מן הנר היותר שמאלי, ולפנות משם אל צד הימין, כי אור של חנוכה מיוחד בזה, שבא להאיר לתוך צד השמאל דייקא, ומן השמאל פונה אל הימין, לרומם ולהפוך אף את צד השמאל אל הימין.

(פתג"ק חנוכה)

# דברי ברכה של מורינו הגה"צ אב"ד ור"מ דקהלתינו מאנסי שליט"א

## אצל מעמד רבתי "יחדשהו" — מוצש"ק וישב כ"ג כסלו תשפ"ו הבעל"ט

## חנוכת הבית והתחדשות קהלתינו עם סעודת מלו"מ והילולא קדישא של רבינו הסב"ק זי"ע

## בהיכל בית מדרשינו החדש זכרון אהל אלימלך ד'טאהש

א גוטע וואך א גוט יאר, איך האב די זכיה דא צו באגריסן דא די אלע חשובע משתתפים.

עס איז היינט געווען די יארצייט פון דעם הייליגן זיידן רבינו הסב"ק רבי אלימלך מ'טאהש זי"ע, וואס דער ביהמ"ד דא ווערט אנגערופן אויף זיין הייליגע נאמען. דער הייליגער רבי זי"ע פלעגט זיך אסאך קאכן מיטן זיידן, דער רבי פלעגט זאגן, אז דער גאנצער כח וואס ער האט איז אלעס פונעם זיידן. די גאנצע זאך וואס ער איז געווארן אויפגעהאדעוועט ביים זיידן, ער האט אלעס צוגעזעהן פונעם זיידן, דאס אלעס האבן מיר געהאט די זכיה צו הנאה האבן און נאשן פונעם רבי'ן, אלעס וואס ער האט געזעהן ביים זיידן.

עס איז טאקע א געוואלדיגע זאך, אז מען נעמט זיך צוזאם לכבוד זיין הילולא קדישא. דער רבי פלעגט צוזאגן, אז די נאכט נאכדעם איז נאך שטערקער, איז טאקע אויסגעקומען היי יאר איז די יארצייט אויסגעפאלן היינט שבת קודש, פראוועט מען טאקע יעצט די יארצייט סעודה די נאכט נאך די יארצייט, צוזאמען מיט די מלוה מלכה להתחדשות הבית המדרש וואס ווערט דאך אנגערופן אויף זיין נאמען. עס איז א געוואלדיגע זכיה אז דער עולם נעמט זיך צוזאמען, וואס בכלל דער ענין פון זיך צוזאמנעמען אינאיינעם איז א געוואלדיגע זאך.

עס איז דא א באקאנטע ווארט פונעם הייליגן בעלזער רב זי"ע, עס שטייט אין מדרש ביי קריעת ים סוף, אז דער ים סוף האט זיך געשפאלטן דורכן זעהן די ארונו של יוסף. פרעגט דער בעלזער רב, משה רבינו איז דאך געווען דער רבי פון כלל ישראל, ער האט געגעבן די תורה פאר כלל ישראל מפי הקב"ה, צו וואס האט מען געדארפט צוקומען צו יוסף, האט ער דען נישט געהאט דעם כח אליינס צו שפאלטן דעם ים אז ער האט געדארפט צוקומען צו די זכות פון יוסף.

נאר וואס דען, זאגט דער הייליגער בעלזער רב, אז מ'קען מיינען אז ווען א צדיק גייט אוועק פון דער וועלט, זיינע זכותים זענען שוין נישט דא, ס'איז שוין א פארגאנגענהייט. דאס וויל טאקע דער מדרש אונז קומען לאזן הערן, אז ארונו של יוסף ראה, און פארדעם האט זיך די ים סוף געשפאלטן, יוסף הצדיק איז שוין טאקע נישט דא, אבער זיינע זכותים שטייען ווייטער לעד ולנצח נצחים.

דער הייליגער רבי פלעגט נאכזאגן פון זיידן, אז ווער עס איז אונז מהנה, מוז ביי אונז געהאלפן ווערן. איז די אלע אידן וואס נעמען דא א חלק אין השתתפות, איז עס א געוואלדיגע חיזוק. נר ה' נשמת אדם, דאס אז א טאהשע אינגערמאן קומט אריין דאווענען אין בית המדרש, עס מוז נישט מיינען דוקא מיט געלט, נאר די חלק בכלל אז מ'קומט און מ'ווארעמט אן די נר, ווי גרעסער דער ציבור איז, אלס בעסער דאווענט זיך עס. עס איז נר ה' נשמת אדם, מען קען אנצינדן די נירות הנשמה פון יעדן איד. ווען מ'קומט אריין דא און מ'טוט מחזק זיין איז עס נאך אסאך אסאך גרעסער ווי געלט.

איך וויל נאכאמאל נאכזאגן דא דעם מורא'דיגע מעשה, וואס מ'האמיר היינט גערעדט ביי שלש סעודות, וואס מ'זעהט די גרויסקייט פונעם זיידן דער בעל ההילולא. ער איז געווען גאר גרויס אין מידת השמחה אלס פריילעך, און אין מידת הסתפקות במועט, היינט איז דאך א וועלט וואס מ'מוז דאך האבן אלעס, און טאמער נישט ווערט מען אינגאנצן צובראכן, דארף מען חזר'ן אזא מעשה. עס איז געווען ר' משה ראוז האט פארציילט אז ער איז אמאל אנגעקומען ביים זיידן אין ביהמ"ד דארט נאך שחרית, האט אים דער זיידע געגעבן דארט פאר כיבוד קלויבן בארשט צו עסן, עס איז געווען א זייער ארימע מאכל. ער האט געזעהן די מורא'דיגע דחקות דארט ביים סבא קדישא, האט ער זיך אנגערופן אז ער וויל פארציילן א מעשה.

האט ער פארציילט פון דעם הייליגן רבי אייזיק'ל זידיטשובער זי"ע, ווען ער איז געווען א קליינער בחור'ל האט ער געלערנט יעדע נאכט זייער פלייסיג צוזאמען מיט זיין טאטן דער הייליגער רבי בעריש'ל זידיטשובער זי"ע, עס געווען א געוואלדיגע ארימקייט ביי זיי, אז בייטאג האט מען געארבעט, מען האט געטוהן אביסל מסחה, און ביינאכט האט מען עוסק געווען אין לערנען. איין אינדערפרי' רופט זיך אן דער טאטע צו דער זוהן רבי אייזיקל, און ער זאגט אים, דער גמרא זאגט אין מסכת חגיגה, כל העוסק בתורה בלילה, הקב"ה מושך עליו חוט של חסד ביום, זאגט ער אונז לערנען דאך יעדע נאכט און מ'זעהט דאך נישט דא דער חוט של חסד, האט דער זוהן געענטפערט פארן טאטן, אז דאס איז טאקע דער חוט של חסד, אז אונז גיי מיר ווייטער מיט די זעלבע מין פריילעכקייט און צופרידנקייט, אז נישט קיין חילוק צו אונז האבן מיר יא אדער אונז האב מיר נישט, דאס אז מיר לערנען דעם קומענדיגן טאג ווייטער מיט א פלייסיגקייט, דאס איז דער חוט של חסד.

אזוי האט פארציילט דער ר' משה ראוז פארן זיידן דער בעל הילולא רבינו הסב"ק זי"ע, האט זיך דער זיידע אנגערופן, "וואס

המשך בע' ה

# אתורה אויף די פרשה

## והנה עומד על היאור וגו' הנני עומד על שפת היאור.

עס שטייט אין פסוק אז פרעה האט געחלומ'ט אז ער שטייט "על היאור" - אויף דעם טייך, און ווען פרעה האט איבער געזאגט זיין חלום פאר יוסף, האט פרעה געזאגט "הנני עומד על שפת היאור", לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס האט פרעה געזאגט פאר יוסף אנדערש ווי ער האט זיך באמת געחלומ'ט.

נאר מען קען דאס מסביר זיין מיט דעם וואס די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (נ"ה ע"ב) אז מען חלומ'ט נישט קיין זאך וואס קען נישט במציאות אזוי זיין, ממילא האט פרעה פארשטאנען אז אויב ער וועט דערציילן פאר יוסף "הנני עומד על היאור" וועט איהם יוסף נישט גלייבן, וויבאלד דאס איז א זאך וואס איז נישט מעגליך, דעריבער האט פרעה געזאגט "הנני עומד על שפת היאור".

דער אמת איז אבער אז "הנה עומד על היאור" קען יא זיין אמת, ווייל שפעטער ווען יעקב איז אראפ געקומען קיין מצרים שטייט אין פסוק (ויגש מ"ז י') ויברך יעקב את פרעה - זאגט רש"י אז יעקב האט געבענטשט פרעה אז דער יאור זאל ארויפגיין צו זיינע פיס, און דאס האט דער חלום געמיינט "והנה עומד על היאור" טאקע אויף דעם יאור, ווייל עס וועט ארויף גיין צו זיינע פיס. (חתם סופר)

# א ווארט צום שבת טיש

געקלי'בענע תורות און מעשיות נאכצוזאגן ביים שבת טיש

## וירא יעקב כי יש שבר במצרים ויאמר יעקב למה תתראו.

זאגט רש"י הק', אז באמת האט יעקב נאך געהאט גענוג תבואה, נאר יעקב האט געזאגט פאר זיינע קינדער פארוואס דארף מען ווייזן פאר די בני ישמעאל און בני עשו אז מען איז זאט.

לכאורה דארף מען טאקע פארשטיין, פארוואס האבן די בני יעקב יא געהאט תבואה, און די בני עשו און בני ישמעאל נישט געהאט.

נאר מען קען דאס מסביר זיין, מיט דעם וואס עס שטייט אין פרשת בחקותי, "אם בחקותי תלכו וגו' ואכלתם לחמכם לשובע", זאגט רש"י "אוכל קמעה והוא מתברך במעיו", אויב מען וועט אפהיטן די תורה, ווען מען וועט נאר אביסל עסן וועט אריין קומען א ברכה און מען וועט ווערן זאט, זעהט מען פון דעם אז ווען מען היט אפ די תורה איז גענוג אז מען זאל עסן נאר אביסל און מען וועט שוין ווערן זאט.

ממילא קען מען שוין פארשטיין פארוואס די בני יעקב האבן זוכה געווען צו באקומען די ברכה פון "אוכל קמעה והוא מתברך במעיו", ווייל זיי האבן אפגעהיטן אלע מצוות, ממילא האבן די בני יעקב נאך געהאט תבואה, משא"כ די בני ישמעאל און בני עשו וואס ביי זיי איז נישט מקוים געווארן די ברכה פון "אוכל קמעה והוא מתברך במעיו", האבן זיי שוין נישט געהאט קיין תבואה ווייל זיי האבן שוין אלעם אויפגעגסן.

מיט דעם קען מען אויך מסביר זיין דאס וואס עס שטייט אין פסוק "וירא יעקב כי יש שבר במצרים", פרעגט אויף דעם רש"י פארוואס שטייט "וירא" ער האט געזעהן - יעקב האט דאך נישט געזעהן, ער האט עס נאר געהערט.

נאר מען קען זאגן אז יעקב האט געזעהן אז ביי איהם איז יא דא תבואה און ביי די בני ישמעאל און עשו איז נישט דא קיין תבואה, האט יעקב פארשטאנען אז עס מוז זיין אז ביי זיינע קינדער



איז מקוים געווארן די ברכה פון "אוכל קמעה והוא מתברך במעיו" ווייל זיי האלטן די תורה און מצוות, אויב אזוי איז שווער, פארוואס איז בכלל געווען א הונגער אין לאנד כנען, עס שטייט דאך אויך אין פרשת בחקותי "ונתנה הארץ יבולה ועץ השדה יתן פריו" אז עס וועט זיין אסאך תבואה אויב מען וועט האלטן די תורה און מצוות?

יעקב האט אבער פארשטאנען אז די הונגער איז נישט צוליב א עונש ווייל מען האלט נישט איין די תורה, ווייל איך זעה דאך אז די ברכה פון "אוכל קמעה והוא מתברך במעיו" איז יא מקוים געווארן, מוז זיין אז די הונגער איז נאר צוליב א טובה און גוטס וואס דארף ארויס קומען דערפון אויב מען וועט אראפ גיין קיין מצרים.

דאס קען זיין פשט אין פסוק "וירא יעקב" יעקב האט פארשטאנען (מלשון הבנה) אז די הונגער איז נאר צוליב א טובה וואס דארף ארויס קומען דערפון, "כי יש שבר במצרים" אז עס איז נאך דא האפענונג אין מצרים.

(עזר מיהודה)

## אשר ימצא אתו מעבדיך ומת, וגם אנחנו נהיה לאדני לעבדים, ויאמר גם עתה כדבריכם כן הוא.

די שבטים האבן געזאגט פאר יוסף, ביי דעם וואס עס וועט געפונען ווערן דער בעכער זאל שטארבן, און מיר אלע וועלן ווערן קנעכט, האט יוסף אויף דעם געענטפערט "כדבריכם כן הוא" אזוי ווי אייערע רייד אזוי דארף צו זיין, אבער נאר ביי דעם וואס עס וועט געפונען ווערן דער בעכער זאל זיין צו מיר פאר א קנעכט.

פרעגן אלע מפרשים, קודם האט יוסף געזאגט "כדבריכם כן הוא" עס וועט זיין אזוי ווי ענק זאגן, און צום סוף האט יוסף נישט אזוי געטוהן, ער האט גענומען צו זיך נאר בנימין.

נאר מען קען דאס מסביר זיין מיט דעם וואס די גמרא דערציילט אין מסכת מועד קטן (דף י"ח ע"א), אז ווען דער זוהן פון פנחס דער ברודער פון מר שמואל איז געשטארבן, איז שמואל געגאנגען צו זיין ברודער פנחס מנחם אבל זיין, האט שמואל געזעהן אז זיין ברודער פנחס האט גרויסע נעגל, האט שמואל געזאגט צו פנחס "פארוואס שניידסטו נישט אפ די נעגל", האט פנחס געזאגט צו שמואל "ווען דו וואלסט געווען א אבל וואלסטו אפגעשניטן דיינע נעגל", דערציילט די גמרא אז שמואל איז טאקע געווארן א אבל. איז געגאנגען פנחס צו זיין ברודער שמואל מנחם אבל זיין, האט שמואל אפגעשניטן זיינע נעגל און האט זיי געווארפען צו פנחס אין פנים, און ער האט געזאגט צו פנחס ווייסטו דען נישט אז "ברית כרותה לשפתים" - די רייד פון א מענטש קען מקוים ווערן סיי צו גוטן און סיי צו שלעכטס. ווייל דורך דעם וואס דו האסט מיר געזאגט "ווען דו וואלסט געווען א אבל", דאס האט גורם געווען אז איך בין געווארן א אבל.

זעהן מיר פון דעם אז יעדע שלעכטע ווארט וואס א מענטש רעדט ארויס פון זיין מויל קען גורם זיין שלעכטס.

דא ביי די שבטים קען מען זאגן די זעלבע זאך, אז זיי האבן אויך נישט געדארפט ארויס זאגן די ווערטער אשר ימצא אתו מעבדיך ומת, וגם אנחנו נהיה לאדני לעבדים, ווייל עס קען חלילה מקוים ווערן, יעצט אבער אז זיי האבן שוין ארויס געזאגט די ווערטער אז ביי וועם מען וועט טרעפן דער בעכער זאל שטארבן, האט עס שוין געמוזט מקוים ווערן, נאר עס איז מקוים געווארען אויף א גרינגן אופן, ווייל מיר ווייסן דאך אז כל מה שקנה עבד קנה רבו, און א עני איז חשוב כמת, קומט אויס אויב יוסף זאל נעמען בנימין פאר א קנעכט, וועט ער גערעכענט ווערן פאר מת.

די אלע אנדערע שבטים, וואס זיי האבן מסכים געווען צו ווערן קנעכט פאר יוסף, האט יוסף געהאט ביי זיך די ברירה זיי פריי צו לאזן, ווייל א האר האט די כח צו באפרייען זיין קנעכט.

דאס האט יוסף געזאגט פאר די שבטים, "גם עתה כדבריכם כן הוא" אויב נישט פאר ענקערע רייד וואלט איך גארנישט געקענט טוהן מיט ענק, אבער וויבאלד ענק האבן ארויס געזאגט די ווערטער "אשר ימצא אתו מעבדיך ומת" אז ער מוז שטארבן, וועל איך מוזן על כל פנים דאס טוהן ווייל "כדבריכם כן הוא" - נאר איך וועל פארגרינגערן זיין עונש דורך דעם וואס איך מאך איהם פאר א קנעכט, וואס דורך דעם וועט ער גערעכענט ווערן פאר א מת.

(שמן ראש)

# א מעשה אויף די פרשה

## ויהי מקץ שנתים ימים

הרה"ק רבי ר' מאיר'ל מפרעמישלאן ז"ל האט דערציילט, אז ער האט געהערט פון זיין טאטע הרה"ק ר' ארון לייב מ'פרעמישלאן ז"ל, אז אמאל האט ער געהאט "עליית נשמה" ער האט געזעהן אז מען האט געברענגט פאר'ן בית דין של מעלה צוויי מענטשן איינער איז געוועהן יונג, און דער אנדערער איז געוועהן א אלטער מאן.

ער האט געהערט אז מען האט גערופן דעם יונגערמאן "עלטערער מענטש" און דעם אלטן מאן האט מען גערופן א יונג קינד, האט ר' ארון לייב געפרעגט, דא איז דאך אן עולם האמת, ווי אזוי קענט איר מאכען ליצנות און רופן א יונגערמאן אלט, און א אלטער מענטש יונג.

האט מען אים געענטפערט, אז דער אמת איז אז דער יונגערמאן האט אויפגעטוהן אין זיין קורץ לעבן מיט זיינע יונגע יארן זייער אסאך כאילו ער וואלט געלעבט לאנג, אבער דער אלטער מאן האט ליידער אפגעלעבט א פיסט לעבן אז פון אלע זיינע אכציג יאר וואס ער האט געלעבט איז געבליבן געציילטע גוטע טעג.

האט ר' מאיר'ל ז"ל געטייטשט "ויהי" בלשון צער, "מקץ" ביי דעם ענדע פון לעבן, "שנתים" פון אלע יארן, "ימים" איז געבליבן נאר געציילטע טעג.

המשך מע' ג

איז דער פארגלייך, ביי אונז האט מען יא ב"ה פון אלעם גוטן..." עכ"פ, דער קלויבן בארשט, דאס איז שוין געווען פון אלעם גוטן...

זאל דער אייבערשטער העלפן, אז אין זכות פון דער צדיק... דער הייליגער רבי פלעגט דאך זאגן, א יעדע יאר ביי די יארצייט פון א צדיק, גייט ער ארויף העכער און העכער, און ער ברענגט אראפ פאר אונז געוואלדיגע השפעות. זאל דער אייבערשטער טאקע העלפן, אז ער זאל אראפברענגען אלע השפעות, פאר די אלע אידן דא וואס זענען זיך געקומען דא משתתף זיין, די וואס קומען כסדר דא אין בית המדרש, אינמיטן די וואך, און שבת קודש, מען טוט מחזק זיין דעם בית המדרש, די בית המדרש איז דאך זיינס, ס'איז על שמו ועל זכרו ס'איז נקרא אויף זיין נאמען, די אלע זכותים וואס מ'טוט דא אין בית המדרש, איז זיכער אז ער וועט זיין א מליץ יושר, און משפיע זיין אלעס גוטס. דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן, אידישע קינדער זאלן האבן פון אלעם גוטן ברוחניות ובגשמיות, ווילאנג מיר וועלן זוכה זיין צו גיין קעגן משיח צדקינו מיטן טאטן אינאיינעם, במהרה בימינו אמן.

# ביאור הלכה

הלכות וביאורים מתוך ספרי בית נאמן בישראל
אשר עדיין לא ראו אור הדפוס
מאת הגאון הגדול דומ"ץ קריתינו הק' שליט"א

# שבת חנוכה

## הלכות דליקה בשבת

### אריינפיר

אזוי ווי אין דעם שבת "שבת חנוכה", ווערט געצינדן אין יעדע אידישע שטוב חנוכה ליכט, עס זענען דא וואס צינדן אין שטוב נאנט צו די טיר, דארט ווי מען דרייט זיך ארום, און אסאך צינדן ביי די פענצטער לעבן די פורהאנג, און עס קען זיך טרעפן אז עס זאל ח"ו געשען א פייער, איבער דעם איז כדאי דורך צו גיין אין קורצן די הלכה למעשה, וואס מען דארף צו טון אין אזא צייט, און דאס וועט ברענגען צוויי רווחים.

1. אז אויב עס געשעט חלילה ביי איינעם א שריפה, זאל מען וויסן את המעשה אשר יעשה, און מען זאל חלילה נישט נכשל ווערן אין חילול שבת.

געוועדליך ווען עס געשעט א פייער ווערט יעדער דערשראקן און מען ווייסט נישט וואס צו טון, פון איין זייט איז כיבוי א אסור'דיגע מלאכה אום שבת, און פון די צווייטע זייט, איז ביי א פייער דא א שאלה פון סכנת נפשות, דארף מען דאך וויסן וואס מען האט צו טון.

און אזוי ווי בשעת עס ברענט א פייער, עס פלאקערט, ווייסט מען נישט וואס צו טון, קען מען חלילה נכשל ווערן אין איסור פון חילול שבת, און מען קען חלילה נכשל ווערן אין סכנת נפשות, וועגן דעם איז וויכטיג צו לערנען די הלכות.

2. עס וועט זיין א שמירה אז עס זאל נישט געשען א שריפה, אזוי ווי עס שטייט אין די ספרים הקדושים אז ווען מען איז עוסק אין סיי וואס פאר א הלכה, איז דאס א שמירה מען זאל נישט נכשל ווערן אין דעם ענין, אזוי אויך אז מען איז עוסק אין די הלכות פון דליקה, איז דאס א סגולה עס זאל נישט זיין קיין שריפה.

### א

## שאלה: ווען מען זעט ווי א ליכט האלט ביים אראפפאלן אויפן טיש, מעג מען אונטער לייגן א כלי, אז די ליכט זאל אהין אריינפאלן?

**תשובה:** מען מעג אונטער לייגן א ליידיגע כלי אז די ליכט זאל דארט אריינפאלן, אפילו ווען די כוונה איז נאר כדי די טישטוך זאל נישט שמוציג ווערן, און עס איז נישט שייך דער איסור פון מבטל כלי מהיכנו, וויבאלד מען קען גלייך ארויס שאקלען די לעכט פון די כלי (מ"ב סימן רס"ה ס"ק ה').

אבער א כלי מיט וואסער טאר מען נישט אונטערלייגן כדי צו ראטעווען די טישטוך, און אויב עס איז דא א חשש אז עס קען ווערן א שריפה און די גאנצע הויז קען ווערן פארברענט און עס וועט זיין גאר א גרויסע שאדן, איז א מחלוקת צי מען קען מקיל זיין, דעריבער זאל מען ענדערש לייגן א כלי אן וואסער.

און בשעת הדחק קען מען מקיל זיין אונטער צו לייגן אפילו א כלי מיט וואסער, דורך א קינד (מ"ב סימן רס"ה ס"ק ט"ז).

#### באמערקונג

עס איז דא א עצה מען זאל מעגן אונטערלייגן א כלי מיט וואסער, אפילו דורך א גדול, ווען מען דעקט צו די כלי מיט א דינע פלעסטיק, אז ווען די ליכט וועט אראפפאלן אויף די פלעסטיק וועט עס ווערן אביסל צולאזט און די ליכט וועט אריינפאלן פון זיך אליין אין די וואסער און זיך אויסלעשן, דער היתר איז וויבאלד די פלעסטיג איז מפסיק צווישן די פייער און די וואסער, איז עס נאר א גרמא, וואס איז מותר במקום הפסד.

און אויב עס איז דא א חשש אז עס קען זיין א סכנות נפשות, מעג מען אפילו אויסלעשן די לעכט, און מען מעג אלעס טון כדי מען זאל חלילה נישט צו קומען צו א סכנה (שו"ע סימן רס"ה ס"ד מג"א סק"ה).

### ב

## שאלה: א ליכט איז אראפגעפאלן אויפן טיש, און די טישטוך האט נאך נישט אנגעהויבן צו ברענען, און מען האט מורא אז עס קען ווערן א שריפה, וואס מעג מען אלץ טאן?

**תשובה:** אויב איז דא דארט א גוי מעג מען אים בעטן ער זאל אוועק טראגן די ברענעדיגע לעכט, און דאס שטעלן סיי ווי, אבער מען זאל אים נישט בעטן ער זאל אויסלעשן די ליכט (רמ"א סימן רע"ז ס"ג).

און אויב ס'איז נישט דארט א גוי, קען מען אראפנעמען די ברענעדיגע ליכט דורך א קינד (מ"ב שם ס"ק ט"ו).

אויך מעג א איד אוועק נעמען די ליכט מיט א שינוי, אזוי אויך מעג מען אראפשארן די ברענעדיגע לעכט מיט א שינוי, אין א כלי אן וואסער.

אויך מעג מען אראפשאקלען די ברענגדיגע ליכט אויף א צעמענטענע ערד, בתנאי מען זאל נישט אינזין האבן אז די ליכט זאל זיך אויסלעשן, און אויך אז עס זאל נישט זיין א פסיק רישא אז עס וועט זיך אויסלעשן, דעריבער זאל מען עס אראפשאקלען גלאסן. (רמ"א שם, מ"ב ס"ק י"ד).

### ג

## שאלה: אויב די טישטוך אדער די טיש האט אנגעהויבן צו ברענען, וואס זאל מען טהון?

**תשובה:** אויב די טישטוך אדער די טיש ברענט שוין שטארק, און די צייט און דער מצב ערלויבט נישט צו ווארטן, און עס קען ארויס גיין פונעם קאנטראל, און עס קען זיין א סכנת נפשות, זאל מען תיכף אויסלעשן די פייער אזוי ווי אינדערוואכן.

אבער אויב די פייער איז נאך גאנץ קליין, און די צייט און דער מצב ערלויבט, און עס איז זיכער אז עס וועט נישט זיין א סכנת נפשות, עס קען נאר זיין א שאדן, זאל מען נישט אויסלעשן די פייער ממש, נאר מען זאל עס אויסלעשן בדרך גרמא, ווי פאלגענד:

### 1. ארויסטראגן די טישטוך

אויב מעגליך זאלן צוויי מענטשן ארויס טראגן די ברענעדיגע טישטוך אדער טיש, גלאסענערהייט אזוי אז עס זאל נישט זיין

א פסיק רישא אז די פייער זאל זיך זיכער אויסלעשן, אדער מער אויפפלאמען דורכן טראגן, און דאס לייגן אויף א פארזיכערטע פלאץ, (שהתירו איסור מוקצה כשיש הפסד גדול הבא פתאום, וגם הוא בכלל גרף של רעי, עיין מ"ב סי' רע"ו ס"ק י"ח).

**באמערקונג**

מען טאר נישט לייגן די ברענעדיגע טישטוך אויף א פלאץ ווי עס איז דא א ווינט, אדער עס רעגנט, ווייל דעמאלטס איז מען עובר אויף איסור פון מכבה בידים.

## 2. פארשטעלן די פייער - דורך זאלץ, צוקער, וואסער

מען קען לייגן ארום די פייער זאלץ אדער צוקער, אז ווען די פייער וועט אנקומען אהין זאל זיך די פייער נישט קענען צושפרייטן, און עס וועט זיך אויסלעשן פון זיך אליין.

אויב מען קען דאס נישט טון, קען מען לייגן ארום די פייער פלעסטיק פלעשער וואס זענען פול מיט געטראנק אדער מיט וואסער, סעלצער א.ד.ג., און לייגן אביסל נאנט צום פייער, אז ווען די פייער וועט אנקומען אהין, וועט זיך די פלעסטיק צולאזן און די וואסער וועט זיך צורינען און די וואסער וועט אויסלעשן די פייער.

דאס זעלבע איז אז מען קען אנפילן גרויסע פלעסטיק זעקלעך ווי גארביטש בעגס מיט וואסער, און דאס לייגן ארום די פייער, און די פייער וועט זיך אויסלעשן.

און ביי דעם פאל מעג מען לייגן וואסער און זעקלעך, און מען דארף נישט לייגן אנדערע געטראנקען, ווייבאלד מען לייגט נישט די וואסער אויף די טישטוך זעלבסט, נאר עס איז בדרך גרמא.

**באמערקונג**

מען דארף אכטונג אז אויב מען וויל לייגן פלעסטיג בעג'ס פיל מיט וואסער, אז מען זאל נישט מאכן א דאפלטע קניפ, [אדער אפילו א מאשן], אויף די בעג, ווייל דאס איז א איסור פון קשר של קיימא, מען קען ארום דרייען טוויסטער ארום און ארום, (עיין מש"כ בסעודת שבת חלק א' פרק ד, סימן ב' סעיף כ"ו).

אויך דארף מען אכטונג געבן, נישט צו לייגן די פלעסטיק בעג שטארק נאנט צום פייער, אזוי אז די פלעסטיק זאל זיך תיכף קענען צולאזן, נאר מען דארף עס לייגן אביסל ווייטער, אזוי אז די פייער זאל נאך נישט קענען צולאזן די פלעסטיק, נאר ווען די פייער וועט נענטער קומען צו די פלעסטיק זעקלעך וואסער, זאל זיך עס צולאזן פון זיך אליין.

## 3. גיסן וואסער ארום די פייער

אויב מען קען נישט טון די פריערדיגע עצות, זאל מען גיסן וואסער ארום די פייער, אזוי אז ווען די פייער וועט אנקומען צו די וואסער וואס איז אויף די טישטוך, זאל זיך עס אויסלעשן פון זיך אליין (דהתירו כיבוי בדרך גרמא במקום הפסד).

**באמערקונג**

די הלכה איז אז מען טאר נישט גיסן אום שבת וואסער אויף א בגד, אדער אויף סיי וואס פאר א סחורה, אפילו עס איז ריין, ווייל נאס מאכן א בגד אין שבת ווערט גערעכנט אזוי ווי מען וואלט עס געוואשן, און דאס איז א איסור פון מלאכת מלבן, דעריבער אויב מען דארף גיסן וואסער אויף א טישטוך פון סחורה, אדער אויף א קארפעט, זאל מען ענדערש לייגן אנדערע משקאות וואס זיי מאכן נישט ריין די סחורה, אדרבה עס מאכט אום ריין די סחורה, און ביי אזא פאל איז מען נישט עובר אויף איסור מלבן.

פארשטייט זיך אז אויב עס ליגט א פלעסטיק טישטוך אויף די סחורה'נע טישטוך, מעג מען גיסן וואסער אויף די פלעסטיק טישטוך.

אויב מען האט נאר וואסער, און ביז מען וועט גיין אנפילן פלעסטיק כלים מיט וואסער קען זיך די פייער צושפרייטן, קען מען מקיל זיין צו גיסן וואסער אויף די טישטוך זעלבסט, אבער מען דארף אכטונג געבן נישט צו גיסן די וואסער אויף די פייער ממש.

**באמערקונג**

אויב א פייער האט זיך אנגעכאפט אויף א פורהאנג, און די פייער איז נאך קליין, זאל מען נישט ארויסרייסן די פורהאנג וואס איז מחובר צו די וואנט, און דאס ארויס טראגן, ווייל אראפ נעמען א פורהאנג פון פלאץ, איז א איסור פון סותר, נאר מען זאל ענדערש שפריצן וואסער אויפן פורהאנג ארום די פייער.



# מעדני התורה

לברר וללבן נושאים וענינים שונים כדרכה של תורה
מתוך השיעורים שנאמרו ע"י הרה"ג ר' **אהרן קאהן** שליט"א

**המשך מאמר בענין:**

## מצות קידוש החודש בזמן הזה

### קושיית הרמב"ן מתקופה שלאחר חורבן בית ראשון בה לא היה אנשים מישראל בארץ ישראל

הרמב"ן בספר המצוות חולק על הרמב"ם, ומאריך בהשגות שונות מכח ראיות ברורות בדברי הש"ס, להוכיח שלא כדברי הרמב"ם, כאשר בין קושיותיו מצטט את דברי הגמ' (יומא נד.) חמשים ושתים שנים לא עבר איש ביהודה, כאשר הדברים נסובים על זמן חורבן בית ראשון, כך גם אמרו בגמ' (שם) שבע שנים נתקיים גפרית ומלח בארץ ישראל, כשהכוונה על גזירת הכתוב (דברים כט, כב) גפרית ומלח שרפה כל ארצה וגו', ואם על המימרא הראשונה יש מקום לומר שהגם אמנם שביהודה לא עבר איש, מכל מקום בגליל או בעבר הירדן היו אנשים, הרי שמהמימרא השניה מוכח, כי היו שבע שנים בהן גפרית ומלח שרפה כל ארצה, והדברים נסובים על כל ארץ ישראל, ואם כן בימים אלו לדעת הרמב"ם לא היו יכולים לקדש החדשים ולעשות המועדים בהיותם בבבל.

### דעת הרמב"ן כי הלל קידש מתחילה את כל המועדים ולא רק ערך את חישוב זמניהם

מכח קושיא זו ושאר קושיותיו, חולק הרמב"ן על הרמב"ם, ולדעתו אין צריכים שיקדשו יושבי ארץ ישראל את החודש על פי החשבון, מה גם באשר לדעתו אין כל תועלת בדבר, כי אין יכולים לקדש רק בית דין סמוכים, ומה יועיל קידוש החודש על ידי יושבי ארץ ישראל שאינם סמוכים, ועל כן בהכרח לומר כי אין קידוש החודש נעשה על ידי חשבונם של בני ארץ ישראל.

ומי אם כן מקדש את החודש בימינו, דעת הרמב"ן היא, כי מתחילה כאשר תיקן הלל את הלוח וחישב את המולדות, הוא בעצם קידש את כל ראשי החודשים מתקופה זו עד לימות המשיח, כך שבבוא כל חודש וחודש חל קידושו על ידי קידוש החודש שקידשו הלל בשעת חישוב המולדות, ואין צורך לבני ישראל שיקדשו את החודש בעצמם.

אם כי לכאורה הדברים מתמיהים, שהרי צריכים לקדש את החודש בזמנו, ואין יכולים לקדשו מלפני כן, כמו שהבאנו את דברי התורת כהנים (פ' אמור פרשה י אות ד), מכל מקום על זה כתב הרמב"ן שדין זה אינו אלא מדרבנן, ומאחר וראה הלל שיאבדו את קידוש החודש מפני העדר הסמיכה, לכן הקדים רפואה למכה לחשב את חשבון המולדות ולקדשם מתחילה, אף שמדרבנן אין לעשות כן, אלא לקדש כל חודש בזמנו.

### תירוץ על קושיית הרמב"ן שהיו יחידים בארץ ישראל בכל הדורות

כמו שהזכרנו, הקשה הרמב"ן בהשגותיו על ספר המצוות (עשה קנג) על הרמב"ם מכמה מקורות בחז"ל, המגלים כי לכל הפחות בגלות בבל אחר חורבן בית ראשון, היו שנים בהן לא היה איש מבני ישראל בארץ ישראל, ועל כן לדעת הרמב"ם איך יכלו באותן השנים לקבוע מועדים בהיותם בבבל, והרי אין הדבר מסור אלא ביד יושבי ארץ ישראל.

על פי פשוטו, היו שביקשו לומר, כי דברי הגמרא מתייחסים לכלל ישראל בכלליות, אך יתכן והיו יחידים שעדיין היו בארץ ישראל, כך שגם אם היו שבע שנים בהן נתקיים גפרית ומלח בארץ ישראל (יומא נד.), מכל מקום היו יחידים שישבו בארץ ישראל, ולכן יכלו לקדש את החודש, ובעקבותיהם נהגו כל בני ישראל שהיו בגלות בבל.

### תירוץ החתם סופר שבגלות בבל היה להם בית דין סמוכים שאף להרמב"ם יכולים לקדש החודשים בחו"ל

אמנם החתם סופר (יו"ד סי' רלד) מעיר כי אדרבה, יש להתפלא על הרמב"ן שהקשה את קושייתו על הרמב"ם, מאחר והרמב"ם נשמר מקושייתו ותירצה בלשונו הזהב, שכתב הרמב"ם בספר המצוות (עשה קנג): "אילו איפשר דרך משל שבני ארץ ישראל יעדרו מארץ ישראל, חלילה לאל מעשות זאת כי הוא הבטיח שלא ימחה אותות האומה מכל וכל, ולא יהיה שם בית דין ולא יהיה בחוצה לארץ בית דין שנסמך בארץ, הנה חשבוננו זה לא יועילנו אז כלום בשום פנים", הרי שהזכיר הרמב"ם מפורש, כי מה שלא יוכלו לחשב חשבון המועדות בחוץ לארץ, זהו רק אם לא יהא בחוץ לארץ בית דין שנסמך בארץ, אך אם יש בחוץ לארץ בית דין שנסמכו על ידי בית דין בארץ, יכולים הם לחשב חשבון המולדות וקביעת המועדים אף בהיותם בארץ נכריה.

מעתה קושיא מעיקרא ליתא, כי הרי בגלות בבל, היה בהם הרבה מחכמי הסנהדרין, ובראשם מרדכי הצדיק, שהיה אחד מחכמי הסנהדרין כמבואר בגמ' (מגילה יג:) שהיה בקי בשבעים לשון, ואף עלה אחר כך לבנות את הבית השני, כך שבכל השנים היה מרדכי בגלות בבל, וגם היה אצלם ברוך בן נריה, שאף הוא סמוך היה, ויכלו לקדש את החודש אף בגלות בבל, כך שאין מקום לקושיית הרמב"ן.

המקום לציין, כי החתם סופר (שם) מסיים את דבריו, בכתבו: "אלא שהבטחנו יוצרנו שלא יהיה זה, אשר על כן בשבעים שנה של גלות בבל שהיה סמוכים בחוץ לארץ לא היינו בטוחים מהנזכר לעיל, אדרבה היה נ"ב שנה שלא עבר אדם שם, מה שאין כן קלקלתינו עתה שאין לנו סמוכים היה תקנת הארץ, שבטוחה היא שישבו בה ישראל על כל פנים". דהיינו, מה שנראה למראית העין כקלקול, מה שאיבדנו את הסמיכה ואין אתנו חכמים הסמוכים עד למשה רבינו, זה הוא לנו למשען מבטחים, באשר על כן בטוחים אנו שלא יטוש ה' את עמו ואת אדמתו, אלא תמיד יהיו בני ישראל מתגוררים בארץ ישראל.

**המשך בשבוע הבא אי"ה**

# מאור התורה

ציצים ופרחים על עניני הפרשה

## הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו

עס איז באקאנט אז אין די רוזשינער הויף איז געווען גאר א שטארקע בחינה פון מלכות. די רוזשינער רבי'ס זענען געווען אנגעטון מיט בגדי מלכות, און דאס איז געווען א שטארקע וואונדער ביי אלע אנדערע הויפן.

דער הייליגער רוזשינער זי"ע האט אמאל ביים טיש געפרעגט, אז עס שטייט אין פסוק פרעה האט געזאגט פאר זיינע עבדים נאכדעם וואס יוסף הצדיק האט פותר חלום געווען, "הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו", לכאורה איז שווער, ווייל עס איז געווען נאך גרויסע צדיקים און חכמים פון יוסף הצדיק, יצחק אבינו און יעקב אבינו, אויב אזוי פארוואס רופט ער אן יוסף הצדיק מיט'ן טיטל אז עס איז נישט דא נאך אזא גרויסע חכם אשר רוח אלקים בו ווי יוסף.

נאר וואס דען, ביז דעמאלטס האט מען געוואוסט אז א צדיק קען מען זעהן אויף אים אז ער איז א צדיק, ער פירט זיך אויף ערליך און איידל און מען זעהט אויף זיין גאנצע עבודה אז ער איז א צדיק, אבער יוסף הצדיק איז געווען א מסלסל בשערו וממשמש בעיניו, און מען האט נישט געקענט דערקענען אויף אים אז ער איז א צדיק, נאר ער האט אויסגעקוקט ווי סתם א מענטש וואס באפיצט זיך, און זיינע ברודער די הייליגע שבטי קה האבן טאקע אזוי געמיינט.

און דא ווען פרעה האט געזעהן אז יוסף הצדיק איז אזא גרויסע צדיק, דאס איז אים שוין געווען א חידוש, אז מען קען טרעפן א מענטש וואס קוקט אויס אזוי פשוט אינדרויסן, און פון אינעווייניג איז ער א צדיק יסוד עולם, און אויף דעם האט פרעה זיך געוואונדערט און געזאגט "הנמצא כזה איש", צו קען מען טרעפן איינער וואס פון אינדרויסן קוקט ער אויס ווי סתם אן "איש", און "אשר רוח אלקים בו", אז נאר "בו" באהאלטן אין אים פלאקערט א רוח אלקים.

דער הייליגער ייטב לב זי"ע האט דאס אריינגעטייטשט מיט אן ענליכער פשט, אז פרעה האט זיך געוואונדערט, ווייל ער האט געמיינט אז א צדיק קען מען נאר זיין בד' אמות של הלכה, און מען איז נישט עוסק מיט עפעס אנדערש, אבער דא האט ער געזעהן יוסף הצדיק, וואס איז געווען בבית פוטיפר און דערנאך אין תפיסה, און נאך אלס איז ער אזא גרויסע צדיק.

*

עס ווערט דערציילט אז ווען דער הייליגער שפת אמת זי"ע איז געווארן אויפגענומען אין די שטאט גור, איז אריבערגעקומען צו אים א גרופע עלטערע חסידים פון זיין זיידע דער חידושי הרי"ם, כדי צו זעהן אויב עס איז דא וואס צו זעהן ביי דעם נייעם אינגן רבי.

ווען זיי זענען אריינגעקומען אין צימער האט דער הייליגער שפת אמת גלייך פארשטאנען פארוואס זיי זענען געקומען, האט ער זיך אנגערופן "עפעס זענטס מיר געקומען כדי צו שפיאנירן, מען זעהט ביי יוסף הצדיק אז די שבטים האבן נישט דערקענט זייער ברודער יוסף, און זיי האבן געמיינט אז ער איז א פשוט'ע מצרי, לכאורה ווי אזוי קען דאס זיין, אז מען זאל נישט דערקענען אויף יוסף הצדיק אז ער איז א צדיק וקדוש, זיי האבן נישט געזעהן ווי זיין פנים שיינט און לייכט, נאר וואס דען א צדיק אמת קען זיך באהאלטן פון יעדן, אז מען זאל אפילו מיינען אז ער איז א גוי.

ווען די חסידים האבן דאס געהערט האבן זיי מקבל מרות געווען פון די שפת אמת.

*

עס איז געווען א איד וואס האט געוואוינט אין סלאנים, ווען זיין מצב הפרנסה איז אים געווען זייער שווער איז ער געפארן וואוינען אויף אמעריקע, האפענדיג אז דארט וועט ער מצליח זיין, נאך א שטיק צייט וואוינענדיג אין אמעריקע האט ער געזעהן אז זיין מזל שפילט אים גארנישט בעסער ווי אין זיין היימלאנד, איז ער צוריק געפארן צו זיין אלטע שטעטל סלאנים, אבער נאכ'ן וואוינען אין אמעריקע פאר א שטיק צייט בימים ההם, איז ער שוין צוריקגעפארן אן קיין בארד און פיאות ר"ל, און ווען ער איז צוריק אנגעקומען קיין סלאנים, האט מען אים אנגעטראגן צו ווערן א מלמד תינוקות, איז ער אריין צו רבי אייזיל חריף פון סלאנים זי"ע, כדי צו פרעגן צו ער זאל דאס אננעמען, האט אים ר' אייזיק געענטפערט, אז ביי די פרנסה גייט ער אויך נישט מצליח זיין, ווייל ער איז א מלמד הפוך, ווייל עס שטייט ביי יוסף הצדיק, 'ויכר יוסף את אחיו והם לא הכירוהו' זאגט רש"י "מלמד" שיצא בלא חתימת זקן ובא בחתימת זקן, אבער דו ביסט געווען א יצא בחתימת זקן ובא בלא חתימת זקן, וועגן דעם קענסטו נישט זיין קיין מלמד. ודפח"ח.












# הרה"ק בעל דברי יחזקאל משינאווא זי"ע

**דעם קומענדיגן פרייטאג ויגש ו' טבת איז דער יארצייט פונעם הייליגן שינאווע רב, הרה"ק רבי יחזקאל שרגא האלבערשטאם זי"ע, בעמח"ס דברי יחזקאל.**

## ואלה מתולדותיו

דער שינאווא רב, איז געבוירן צו זיין הייליגן טאטע, דער צאנז'ער רב דער הייליגער דברי חיים זי"ע, אין פולין אין דער שטאט טארניגראד אין יאר תקע"ה.

דער שינאווא רב, פלעגט פארן צו אסאך צדיקים ווי הרה"ק רבי צבי הירש מ'רימנוב, הרה"ק מהר"ש מ"בעלזא, הרה"ק מראפשיץ, הרה"ק רבי ישכר בער מ'ראדשיץ, הרה"ק רבי מאיר מ'פרעמישלאן, און נאך אסאך צדיקים.

דער שינאווא רב, איז נסתלק געווארן ו' טבת תרנ"ט לפ"ק און איז געקומען לקבורה אין שינאווא.

# באור הילולא

תולדות וסיפורים מצדיקים שיודה"ל חל בשבוע הבעל"ט

## גע'פועל'ט א ישועה דורך רוח הקודש

א איד איז געקומען צום שינאווער רב, און מזכיר געווען אז זיין זון מוז גיין צום מיליטער, און ער דארף גרויס סייעתא דשמיא אז מ'זאל אים נישט נעמען אלס זעלנער.

דער שינאווער רב האט אים אנגעוואונטשן א ישועה, און דערנאך זאגט ער אים, אז אויפ'ן וועג אהיימפארנדיג זאל ער קויפן ציגארן, און ער זאל נעכטיגן אין א געווויסן גאסטהויז. (דער שינאווער רב האט אים געזאגט גענוי וואו דאס געפינט זיך) פארשטייט זיך אז דער איד האט אלץ אויסגעפאלגט, ער איז אנגעקומען אין דער קרעטשמע, און האט דארט געדינגען א שטוב.

ביינאכט קלאפט ביי אים אן דער אידישער אייגנטימער פון גאסטהויז מיט א בקשה, ער דערציילט, אז עס זענען אנגעקומען חשוב'ע עלעגאנטע פערזאנען, צווישן זיי א דאקטאר, א גרויסער גענעראל און א מאיאר, זיי האבן זיך אנגעשיכור'ט, און אצינד פארלאנגען זיי פון אים ציגארן, און אויב ער וועט נישט דערפילן זייער פארלאנג, קענען זיי אים חלילה שלאגן.

האט ער געפרעגט דעם גאסט צי ער האט ביי זיך ציגארן, דער איד האט אים געענטפערט אז יא, און ער האט אים געגעבן עטליכע ציגארן.

מיט א האלבע שעה שפעטער, קלאפט ווידער אן דער בעל הבית און בעט נאך א פאר ציגארן, האט דער איד אים צוגעגעבן נאך ציגארן, גייט דורך נאך א שטיק צייט, און דער פארשוין קלאפט נאכאמאל אן, און בעט ווידער ציגארן.

איז דאן דעם איד איינגעפאלן, אז אפשר ליגט זיין ישועה אין די ציגארן וואס ער טיילט, ער איז אראפ געגאנגען אין זאל וואו די גוים האבן געשיכור'ט, און ער האט מיט א העפליכקייט געגעבן יעדן פון די גוים א ציגאר, די גוים האבן אים זייער געדאנקט, ערקלערנדיק אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט גערייכערט קיין ציגארן מיט אזא געשמאקן טעם, און זיי האבן מיט דורשט

# לוח היארצייטן



יארצייטן פון רבותינו הק' ואנשי שלומינו וואס געפאלט אין די קומענדיגע וואך

### צבי צדיקים לברכה

| | | |
|---|---|---|
| ג' טבת | הרה"ק רבי אברהם בן רבי יהודה צבי זי"ע - מ'סטרעטין - דגל יהודה | תרכ"ה |
| ו' טבת | הרה"ק רבי יחזקאל שרגא בן רבי חיים זי"ע - מ'שינאווא - דברי יחזקאל | תרנ"ט |

### צבי חסידים לברכה

| | | | |
|---|---|---|---|
| ב' טבת | האשה החשובה מרת יוטא מלכה בת ר' חיים מאיר ע"ה לעבאוויטש<br>אשת הרה"ח ר' שמחה ע"ה | | |
| ג' טבת | האשה החשובה מרת טויבא בת ר' נתן הכהן ע"ה פאשקעס<br>אשת הרה"ח ר' אליעזר ע"ה | תשס"ו | ביה"ח דקריתינו הקדושה |
| ה' טבת | האשה החשובה מרת מרים בת ר' חיים ע"ה צוויבל<br>אשת הרה"ח ר' יוסף ע"ה | | |
| ו' טבת | האשה החשובה מרת פייגא חנה בת ר' פנחס ברוך ע"ה האלפערין<br>אשת הרב החסיד ר' מרדכי לייב ע"ה | | |

אויסגערייכערט אויף די ציגארן, דערנאך האט ער זיך צעשמועסט מיט זיי, און ער איז געוואויר געווארן אז דער דאקטאר און דער גענעראל זענען די יעניגע פאר וועמען די יוגנט דארף שטיין צום מיליטער דא אין דער געגענט.

דער איד האט אויסגענוצט די געלעגנהייט און האט ביי זיי געבעטן צו באפרייען זיין זון פון מיליטער דינסט, און אלס אנערקענונג פאר די געשמאקע ציגארן, האבן זיי אים צוליב געטוהן.

## פיינט געהאט דעם מדת השקר

עס איז געווען א איד וואס עס איז אים געגאנגען זייער שוואך זיין פרנסה, ער געהאט פייער אינשורענס אויפ'ן געשעפט, האט ער באשלאסן בצר לו, אונטערצוצינדן דאס געשעפט און איינקאסירן דעם אינשורענס דערויף, געטראכט און געטאן, און געגאנגען איינמאנען דאס געלט.

די חברה דארט האבן אים פארדעכטיגט אז ידו באמצע, האבן זיי אים אנגעקלאגט, ולא די אז ער וואלט נישט באקומען דאס געלט, איז אים אויסגעשטאנען א שווערער שטראף אדער גאר טורמע ל"ע.

דער איד האט מקיים געווען דעם מי שיש לו צרה בתוך ביתו ילך אצל חכם, און ער איז געגאנגען זיך מזכיר זיין צום שינאווער רב זי"ע.

דער שינאווער רב איז געווען באקאנט אלס איש אמת, ער האט פיינט דעם שקר בתכלית השנאה, האט דער איד נישט פארציילט דברים כהוויתן, ער האט נאר געזאגט אז מען איז אים חושד אז ידיו במעל הזה.

דער שינאווער רב וואונטשט אים אן: דער אייבערשטער זאל העלפן דער אמת זאל נתגלה ווערן און זאלסט באפרייט ווערן, דעם איד איז נישט גוט געווארן, אויב דער אמת וועט נתגלה ווערן איז ער אויף געהאקטע צרות, זאגט ער נאכאמאל אז עס דראעט אים א גרויסער שטראף וכו', זאגט אים דער רב, איך האב דיך דאך שוין אנגעוואונטשן אז דער אמת זאל ארויפקומען וכו'.

דער איד זעענדיג זיין מצב זאגט ער פאר'ן שינאווער רב, אויב זאל דער אמת נתגלה ווערן בין איך א פארפאלענער.

נעמט זיך דער שינאווער רב שרייען, "היתכן א איד זאל אזאנס טון? גיין ארויסשווינדלען געלט בערמה?"

זאגט דער איד, רבי, איך וויל פארציילן א מעשה, און ער הייבט אן:

אין די צייטן פון הייליגן בעש"ט הק' איז געווען א איד, א שמיד, וואס דער פריץ פלעגט אים געבן קופער צו מאכן פעסלעך דערפון, אזוי איז דאס אנגעגאנגען א שטיק צייט, איינמאל האט דער אידל באשלאסן אז קופער איז זייער ווערטפול, וועט ער אראפציפן אביסעלע פון די קופער וואס דער פריץ גיט אים און אריינלייגן וויניגער אין די פעסלעך, נאך א שטיק צייט איז מען ארויפגעקומען אויף זיינע שפורן און מען האט אים געכאפט ביי די מעשה.

דער איד אין זיין קלעם איז געפארן צום בעשה"ק און זיך אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ, זאגט דער בעש"ט: לאמיר גיין אין מקוה און פועל'ן א ישועה, נאך די ערשטע טבילה זאגט דער בעש"ט פאר דעם איד, איך זע דאך אז דו האסט טאקע גע'גנב'ט פון די קופער, זאגט דער איד, רבי, דאס איז נישט אייער דאגה, איך בין אין א צרה און דער רבי זאל מיר העלפן, האט דער בעשטה"ק געפרעגט, דו זאגסט צו אז דו וועסט דאס מער נישט טון? האט דער איד היים צוגעזאגט, זאגט אים דער בעש"ט, גיי אהיים און דער אייבערשטער וועט העלפן, דער פריץ וועט גארנישט טון, וכך הוה.

זאגט דער איד פאר'ן שינאווער רב, רבי, איך זאג אויך אזוי, דאס איז נישט אייער דאגה, איך דארף האבן א ישועה. זאגט אים דער שינאווער רב, איך פרעג אויך די זעלבע, דו וועסט דאס מער נישט טון? דער איד האט צוגעזאגט, און האט געהאט א ישועה.

## די סגולה פון עסן קוגל שבת קודש

דער הייליגער דברי יחזקאל, שינאווער רב זי"ע האט געזאגט: אז עסן קוגל שבת קודש איז א סגולה פאר א רפואה.

## זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן

# באור התפילה

נכתב ע"י ועד מורא מקדש דקהל אור החיים דטאהש

## דא מעג מען רעדן.....

דער הייליגער ערבי נחל זי"ע איז אין יאר תקס"ט ארויפגעפארן וואוינען אין ארץ ישראל, ער האט זיך באזעצט אין די שטאט צפת, ער האט באהאלטן זיין גרויסקייט פון די מענטשן, און אויסגעקליבן זיין פלאץ אין ביהמ"ד צווישן די ארעמע און פשוט'ע אידן.

אין יענע צייט האט געוואוינט אין צפת א גביר און א איש מכובד וואס האט געהאט זיין פלאץ אויפ'ן אויבנאן, זיין עשירות איז נישט געווען אייגענע געלט, נאר ער האט געהאט רייכע קינדער אין חוץ לארץ וואס פלעגן אים שיקן יעדע חודש גרויסע סכומים.

איין חודש איז די געלט נישט אנגעקומען און דער גביר איז געווען זייער באזארגט, ענדליך איין טאג אינמיטן דאווענען איז אנגעקומען א שליח מיט די געלט און עס איבערגעגעבן פאר'ן גביר, און דערביי זיך אנטשולדיגט אויף די פארשפעטיגונג און געהאט א קורצע שמועס מיט'ן גביר.

דער הייליגער ערבי נחל זייענדיג שטארק מקפיד אז מ'זאל נישט רעדן ביים דאווענען, איז ער צוגעגאנגען פון זיין פלאץ ביים עק פון שול ביזן אויבן אן, און אנגעכאפט דעם גביר ביים הענט און אים ארויסגעפירט פון ביהמ"ד צו א זייטיגע צימער "דא מעג מען רעדן" האט ער געזאגט.

די מעשה ברענגט ארויס אז כאטש דער הייליגער ערבי נחל איז דאן געווען פארערכנט ווי א פשוט'ע ארימע מענטש, און די אנדערע מענטש איז געווען א גביר און א איש מכובד, דאך האט ער נישט געכאפט קיין התפעלות פון גארנישט, ווייל אויב איז דא א חילול ה' קוקט מען נישט אויף גארנישט און מ'נעמט זיך אהן פאר'ן כבוד פונעם הייליגן באשעפער.

(ספר קודש היכלך)

# אהלי מלכים

פסקי הלכות וואס זענען נוגע ווען מ'האט קינדער אינדערהיים
מתוך הספר שעדיין לא ראה אור הדפוס
ע"י הרה"ג ר' **יחיאל מיכל ישעי' מאסקאוויטש** שליט"א חדב"ן מו"ץ

## המשך הלכות תפילין

מ'שטעקט עס אריין אין די גארטל[1]. ס'דא וואס דרייען ארויס ביידע רצועות צו רעכטס[2]. ס'דא וואס דרייען ארויס צו לינקס[3]. ס'דא וואס שטעקן אריין הינטערן גארטל אן איבערדרייען[4]. (דאס טוט מען שטייענדיג[5]).

אלס 'זה קלי ואנוהו' זאל מען נזהר זיין, אז די רצועות וואס קומען אראפ פון די האלז, זאל די שווארצע זייט זיין פונדרויסן[6].

## וואשן די הענט

ס'איז ראוי זיך צו וואשן[7] די גאנצע האנט[8]. ס'דא וואס האלטן ס'גענוג די פינגערס[9]. און ס'דא וואס טונקען איין די פינגער'ס אין א כלי מיט וואסער[10].

אנדערע פירן זיך צו אפרייבן די הענט אין די טיש אדער אין וואנט[11]. (ווי אויבן דערמאנט זענען דא וואס האלטן אז מ'דארף נישט וואשן די הענט נאכן אנטון תפילין[12]).

די וואס זענען מהדק מיט די קאפל, און רירן נישט צו די האר פון קאפ מיט די בלויזע הענט, דארפן נישט וואשן די הענט[13].

## פסוקי ומחכמתך

דערנאך זאגט מען ומחכמתך[14]. ס'דא וואס לייגן בשעת מעשה אריין די רצועות אין די גארטל[15].

בשעת מ'זאגט 'פותח את ידיך' קושט מען דעם של יד, און ווען מ'זאגט 'ומשביע לכל חי רצון', קושט מען די של ראש[16]. מ'רירט אן די תפילין של יד (דורכן ערמל) מיט די רעכטע האנט, און מ'קושט עס, און נאכדעם רירט מען אן דעם של ראש מיט די האנט, און מ'קושט עס[17].

## כריכות אויף די אצבעות

דערנאך נעמט מען אראפ די רצועה וואס ער האט געדרייט אויף די הענט נאך די 7 כריכות. און מ'מאכט דריי כריכות אויף די מיטלסטע פינגער[18], וואס ווערט אנגערופן 'אמה', און מ'זאגט בשעת די ערשטע כריכה אויפן פינגער: 'וארשתיך לי לעולם'. ביי די צווייטע כריכה אויפן פינגער זאגט מען: 'וארשתיך לי בצדק ובמשפט'. ביי די דריטע: 'וארשתיך לי באמונה וידעת את ה''[19]. דאס טוט מען שטייענדיג[20].

1 ועיקר הכוונה משמע שלא יגרר על הארץ

2 כן נהג הרה"ק מסאטמאר זי"ע (מושיען של ישראל ח"א דף רמו), וכן מנהג סקווירא (וזכנו לגדל עמ' תשכ"א).

3 כן נהג רביה"ק זי"ע שיהי' נוטין לצד התפילין של יד.

4 תולדות אהרן (זכור לאברהם עמ' קפו), כדי שלא להפוך הרצועות, ובדרכי חיים ושלום (אות נ) 'הכניס הרצועות של ראש תחת האבנט, לא שהפכן והעבירן דרך האבנט לגמרי, רק תחבן קצת לתוכו', והגה"ק בעל ברכות שמים מ'קאשוי זצ"ל תחב הרצועות בהאבנט שלא יתהפכו, אבל לא סיבב הרצועות סביב האבנט, רק תחבו קצת מתחת האבנט (סידור לב השמים עמ' יד).

5 עוד יוסף חי (וירא אות ו), וכף החיים (סי' כה סקס"ט) 'ויעשה זה מעומד'.

6 מ"ב (סי' כז סקל"ח).

7 פמ"ג (א"א סי' צא סק"ג, ובסי' קסב סקי"ד). וכן מובא בשם הרה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זי"ע אחר שהניח לי התפילין בפעם הראשונה, ליטול ידים, ובפרט שהיום מצויין מים בקל בכל מקום עכ"ד, ועי' שו"ת לבושי מרדכי (מהדורא ד סי' רנח) שכהיום 'דרך היראים לגלח השערות עד קוטנן, ובקל נוגע בעור שתחת השערות, והא דברי המחבר (בסי' ד סכ"ה) נובעים מדברי תשו' הרשב"א (ח"א סי' קצג) שנקט המחכך בשערות ראשו, ואפשר דבימיו לא הי' דרכן [לחתוך השערות לגמרי], ע"כ ליכא משום מלמולי זיעה בראשו לבד משא"כ בזה"ז'. ועי' לקט הקמח החדש (סי' צב סס"ק יח).

8 דלפי הלבוש (סי' ד סי"ח) חופף ראשו מחוייב נטילה מפני רוח רעה, וכ"כ הפמ"ג (משב"ז סקט"ו), ותהל"ד (סי' ד סק"כ), והמ"ב (סקל"ח) כתב דברוח רעה צריך נטילת כל היד.

אבל א"צ נטילת ג"פ, כמ"ש המ"ב (סקל"ט), וכן א"צ נטילה מכלי דוקא (כמ"ש הא"ר סי' ד סי"ב), מ"מ הקפידו אנשי מעשה ליטול בכלי דוקא.

9 עפ"י הא"ר (סי' ד סקי"ג), והמחצה"ש (סקי"ז) דהנוגע במקומות המכוסים צריך ליטול ידיו רק משום נקיות ולא משום רוח רעה, וכ"כ במ"ב (סקמ"א), ודעת המ"ב (סקל"ח) דמשום נקיות סגי במקום שנגע. וא"צ נטילה בכלי דוקא.

10 אשל אברהם תנינא (סי' ד סי"ב) 'נראה דשייך נקיון כפים גם ע"י מים שטבל בהם כבר ידיו לנקיון כפיו וכו' ', ובשו"ת תורת יקותיאל (ח"א ס"ס ו), ועי' מנהג ישראל תורה (סי' ד ח),

מחזיק ברכה (סי' ד' סק"ו) שהוא רק משום נקיות (ועדיפא מיוצא מביה"כ מרחץ ונוטל צפרניו שהם א"צ ג"פ וכלי), ועוד יוסף חי (ויצא אות ה) שא"צ נטילה בכלי ביוצא מבית הכסא וכ"ש בזה, וכן עמא דבר. אכן גדולי ישראל טבלו ראשי אצבעותיהם במים.

הרה"ק מסאטמאר זי"ע הי' טובל ידיו במים עד פרק הזרוע מטעם נגיעה בשערות הראש, ואמר שלא די בשפשוף לבד, דלתפלה צריכין לחזור אחר מים.

11 פתח הדביר (ח"א סי' צב סק"ד): "וכן עמא דבר כי תיכף אחר שמניחין תש"ר מנקין ידיהם בכותל ובהכי סגי לתפילה', וכן הוא ביפה ללב (ח"א סי' ד סקכ"ג). וע"ע באות חיים ושלום (סי' כז סקי"ד שממ"נ לא מהני).

12 שכיון שעושים כן לצורך מצוה לא נחשב כנגיעה במקומות המכוסים, וכ"כ במחצה"ש (סי' עה סק"ח), וכן הוא בשלמת חיים (סי' לט בדפוס תשנ"ה), בן איש חי (תולדות סי"ז), ובארחות חיים. אות חיים ושלום (מונקאטש סי' כז סי"ד שהוא נוהג ליטול ידיו וכן נהגו אבותיו ורבותיו אבל מלמד זכות לאלו שאין נוטלים), ועי' מנח"י (ח"ד סי' קיד), ובאשל אברהם (קמא סי' ד סכ"א). והרה"ק מהר"ש מבעלזא ובניו זי"ע נהגו שלא ליטול ידיהם אח הנחת תפילין אבל הרה"ק משינאווא זיע נהג ליטול ידיו, וראה בשו"ת שארית יהודה (בן הגאון בעל שו"ת בית שערים סי' ט').

ואפשר לומר עוד עפ"י יפה ללב (ח"א סי' סקכ"ג) שכתב בתו"ד 'מיהא מי שנגע בזקנו לחכך או להתעסק צריך ליטול ידיו בלי פקפוק, אבל אם רחץ ראשו וזקנו היטב והם נקיים ונטל ידיו א"צ נטילה אם נגע בהם אפילו להתעסק', ואצל חסידים הולכין במקוה בכל יום, ואם מניח תפילין תיכף אחר המקוה, יש לצרף שלדעת היפה ללב נחשב אז שערות הראש למקום נקי.

13 ליקוטי מהרי"ח (דפו"ח עמ' קב), ובאות חיים ושלום (סי' כז סקי"ד) שכן ראו לצדיק אחד שעשה כן, שלחן מלכים (סי' י סקפ"ט), הנהגות החזו"א (פ"ג אות י) שנזהר בתפילין של ראש שלא הי' מהדק הרצועות בידו אלא בהפסקת הכיפה, וכן נהג הרה"ק בעל ויחי יוסף מפאפא זצ"ל.

14 קיצור של"ה (עמ' פז) 'כתב בעל ס' היכל הקודש תיכף אחר שאומר בשכמל"ו אחר הנחת תפילין יאמר מיד זה 'ומחכמתך קל עליון תאציל עלי וכו' '.

ומנהג קאשוי להניח הרצועות קודם הכריכה על האצבעות (סידור לב השמים עמ' יד). אכן בדרכי חיים ושלום (אות מט נ) משמע בסידור הסעיפים שכרכן קודם על האצבעות ואח"כ הכניס הרצועות.

15 דרכי חיים ושלום (אות נ) 'ובשעה שהכניס הרצועות אמר הפסוקים 'ראשך עליך ככרמל וגו' ומחכמתך', וכן כתב בוזכנו לגדל (עמ' תשסב) שכן הוא מנהג אדמור"י סקווירא.

ובשו"ע האריז"ל (סי' כז סד): 'ומוז"ל אמר לי כי אדרבא ראוי הוא להניחם באבנט דהיינו לשום קצוות הרצועות תחת האבנט, כדי שלא יגיעו לארץ'. וכן הוא בבן איש חי (וירא סי"ז).

16 בית נאמן בישראל (עמ' קכב) ושהמנהג נובע ממה שאיתא לנשק באמירת פסוקים אלו באמירת 'אשרי' באמצה התפילה, וה"ה גם בזה, (ויל"ע אם אכן המנהג כן), וכן מנהג סקווירא (וזכני לגדל עמ' תשכ"א), וקאשוי (סידור לב השמים עמ' יד).

17 וכן מנהג סקווירא (וזכני לגדל עמ' תשכ"א), ויש נוהגין לנשק באופן שהוא ממשמש בשל יד ותיכף בשל ראש, ואח"כ מנשקו בפיו.

18 ש"ע (סי' כז ס"ח), מ"ב (סי' כז סק"ל).עי' בראשית חכמה (פ"ו שער הקדושה דף קמה ע"ב), ובקצוה"ש (סי' ח ס"ח), ובזוהר רעיא מהימנא (פנחס דף רל ע"ב) 'ותלת כריכין דרצועה, לקבל ג' קדושות דאינון קדוש קדוש קדוש, קדושה לך ישלשו', וכן בספר התרומה (ריש סי' ריא) 'כמו שנאמר והחוט המשולש לא במהרה ינתק', וביסוד ושורש העבודה (שער ב פ"ט) 'בעת שיכרוך ג' כריכות באצבע צרדה לא יעשה זה כמצות אנשים מלומדה, רק יכוין שבזה עושה תיקון גדול בעולמות העליונים וז"ל התיקונים (תקונא מז) תפילין דיד דא שכינתא וכו', רצועה כריכא באצבעא שמאל דא קידושין דילה דאיהו טבעת'. ובשל"ה הק' בספרו מצות תפילין (פ"ד אות א) 'שלא להוסיף שום כריכה מג' כריכות הנ"ל על אצבע צרדה'.

ועי' שו"ת בית ישראל (סי' ג) באם ח"ו נחסר ממנו אצבע האמצעי הנקרא אמה והעלה שיכרוך על האצבע הסמוך לאגודל, וכן העלה בשו"ת חלקת יעקב (או"ח סי' ט), וכ"כ בשו"ת תורה לשמה (סי' ט).

ואם טעה וכרך ג' כריכות קודם שהניח השל ראש יכול להניחם כך, ואחר הנחת השל ראש יכול להתירם ולהניחם בחזרה, כדי לקיים דברי הראשית חכמה הנ"ל.

19 דבמצת שמורים (דף מב) כתב שהטעם שאומרים פסוק זה מפני שיש בו ג"פ 'וארשתיך' כנגד ג' כריכות שעושה באצבעו. וכ"כ בבן איש חי (וירא סט"ז) שיש לומר בכל כריכה חלק אחד מהפסוק.

20 שלחן ערוך האריז"ל (ס"ג דף יט ע"א) 'לעשות בפרק האמצעי על האצבע כריכה א' ובפרק הסמוך ליד ב' כריכות וזה מעומד', חסד לאלפים (סי' כה סי"א). כף החיים (סי' כה סקס"ח) , קצות השלחן (סי' ח סי"א).

עורך: נתנאל הערשקאוויטש

# הואיל משה באר

הקדמת הרמב"ם לסדר קדשים
ללומדי חבורת מזון הנפש - מס' זבחים

אָמְנָם חֲגִיגַת אַרְבָּעָה עָשָׂר, וְהֵן הַשְּׁלָמִים שֶׁמַּקְרִיב אוֹתָן הַיָּחִיד גַּם כֵּן יוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר בְּנִיסָן עִם הַפֶּסַח, שֶׁנֶּאֱמַר עֲלֵיהֶן 'וְזָבַחְתָּ פֶּסַח לַה' אֱלֹהֶיךָ צֹאן וּבָקָר,'[1] הֵם רְשׁוּת, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בְּשִׁשִּׁי מִפְּסָחִים. וְאִם הַגְּמָרָא קָרָא לַחֲגִיגָה קָרְבַּן צִבּוּר לְפִי שֶׁהֲמוֹן כֻּלָּן מַקְרִיבִין אוֹתוֹ, אֲבָל אֲנִי שַׂמְתִּי אוֹתוֹ בְּחֶלְקֵי קָרְבַּן יָחִיד, לְפִי שֶׁמַּקְרִיב אוֹתוֹ כָּל אֶחָד בִּפְנֵי עַצְמוֹ וְאֵינוֹ דּוֹחֶה לֹא אֶת הַשַּׁבָּת וְלֹא אֶת הַטֻּמְאָה.[2]

## קרבן נדבה

וְהַחֵלֶק הַחֲמִישִׁי, שֶׁיְּחַיֵּב עַצְמוֹ בָּזֶה דֶּרֶךְ נְדָבָה. וְזֶהוּ שֶׁיְּחַיֵּב עַצְמוֹ בְּנִדְבַת נְזִירוּת לִזְמַן יָדוּעַ, אוֹ יִדּוֹר נֶדֶר, אוֹ יִתְנַדֵּב נְדָבָה.

## קרבן נזיר טהור

וְאִם יִתְחַיֵּב עַצְמוֹ בִּנְזִירוּת לִזְמַן יָדוּעַ, כְּשֶׁיִּכְלֶה הַזְּמַן מַקְרִיב קָרְבָּן טָהֳרָה, וְהוּא:

- כֶּבֶשׂ בֶּן שְׁנָתוֹ לְעֹלָה
- וְכִבְשָׂה בַּת שְׁנָתָהּ לְחַטָּאת
- וְאַיִל לִשְׁלָמִים.

## נדר ונדבה

וְהַנֶּדֶר הוּא שֶׁיֹּאמַר הֲרֵי עָלַי עוֹלָה אוֹ הֲרֵי עָלַי שְׁלָמִים.

וְהַנְּדָבָה הוּא שֶׁיְּכַוֵּן בַּעַל הַנֶּדֶר לְנִדְבַת בַּעֲלֵי הַחַיִּים וְיַנִּיחַ יָדוֹ בּוֹ וְיֹאמַר הֲרֵי זוֹ עוֹלָה אוֹ הֲרֵי זוֹ שְׁלָמִים.

וְהַהֶפְרֵשׁ שֶׁבֵּין הַנֶּדֶר לַנְּדָבָה כְּבָר זָכַרְנוּ אוֹתוֹ פְּעָמִים רַבּוֹת, שֶׁהַנְּדָרִים חַיָּב בְּאַחֲרָיוּתָן וְהַנְּדָבוֹת אֵינוֹ חַיָּב בְּאַחֲרָיוּתָן.[3]

## קרבן תודה

וְהַתּוֹדָה שֶׁהוּא אוֹמֵר הֲרֵי עָלַי תּוֹדָה, הוּא קָרְבַּן שְׁלָמִים וְעִמּוֹ מִנְחָה, וּכְמוֹ שֶׁיִּתְבָּאֵר בִּמְנָחוֹת.[4]

1 והרי אין פסח בא אלא מן הצאן. אלא הכוונה לשלמים שמביא עם הפסח, כמו שביאר התרגום.

2 הכלל שכל קרבן קבוע דוחה את השבת ואת הטומאה. והרי חגיגת ארבעה עשר זמנו קבוע כמו הפסח, ומזה שהפסח דוחה וחגיגתו אינו דוחה ראיה שחגיגת ארבעה עשר אינה חובה.

3 בנדר החיוב חל על האדם הנודר, ולפיכך אם נאבד הבהמה שהפריש צריך להביא אחרת. אבל בנדבה החיוב חל על הבהמה שהפריש, ולפיכך אם נאבדה אין עליו להביא אחרת.

4 רש"י בפרשת צו כתב שהתודה מובאת ע"י מי שהיה לו נס כגון ארבעה שצריכים להודות, ואינו ברור מדבריו אם כל אחד יכול להביא. אבל להרמב"ם כאן ובמשנה תורה (מעשה הקרבנות ט, ה) כל אחד יכול להתנדב קרבן תודה.

## מיני קרבן יחיד

וּמִמָּה שֶׁאֲמַרְתִּי לְךָ יִתְבָּאֵר שֶׁאֵין אָדָם רַשַּׁאי לִדּוֹר וְלֹא לְהִתְנַדֵּב חַטָּאת וְלֹא אָשָׁם. אֲבָל מֵבִיא בְּנֶדֶר וּנְדָבָה עוֹלָה וּשְׁלָמִים בִּלְבַד מִן הָעוֹף וּמִן הַבְּהֵמָה. וּכְבָר הוֹדַעְתִּיךָ שֶׁאֵין שְׁלָמִים בָּאִין מִן הָעוֹף.

אֵלּוּ הֵן כָּל הַקָּרְבָּנוֹת הַיָּחִיד. וְהָעִנְיָן הַכּוֹלֵל אֶת כֻּלָּן שֶׁאֵינָן דּוֹחִין לֹא אֶת הַשַּׁבָּת וְלֹא אֶת הַטֻּמְאָה.

## הורו בית דין ועשו הקהל

הַמִּין הַשְּׁלִישִׁי הוּא קָרְבַּן צִבּוּר דּוֹמֶה לְקָרְבַּן יָחִיד.

וְהוּא שֶׁאִם שָׁגוּ בֵּית דִּין הַגָּדוֹל[5] וְהִתִּירוּ דָּבָר שֶׁחַיָּב עַל זְדוֹנוֹ כָּרֵת וְעַל שִׁגְגָתוֹ חַטָּאת קְבוּעָה וְשָׁגְגוּ הָעָם עַל פִּיהֶם וְעָבְרוּ כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בְּהוֹרָיוֹת, חַיָּבִין חַטָּאת.

## שעירי עבודת כוכבים

- אִם הָיְתָה שִׁגְגַת עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים, נִתְחַיְּבוּ:
- פַּר בֶּן בָּקָר לְעוֹלָה
- וּשְׂעִיר עִזִּים לְחַטָּאת.

וְזֶה הַפָּר וְהַשָּׂעִיר חַיָּבִים בּוֹ כָּל שֵׁבֶט וְשֵׁבֶט, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בְּהוֹרָיוֹת.[6]

וְאֵלּוּ הַשְּׂעִירִים נִשְׂרָפִין לְפִי שֶׁהֵן חַטַּאת צִבּוּר, וְרַחֲמָנָא אָמַר עַל פַּר הֶעְלֵם שֶׁצִּוָּה לְשׂוֹרְפוֹ בְּפֵרוּשׁ חַטַּאת הַקָּהָל הוּא, וְאָמַר בַּסִּפְרָא: "בִּנְיַן אָב לְכָל חַטַּאת הַקָּהָל שֶׁיִּשָּׂרְפוּ." וְאֵלּוּ שְׂעִירֵי חַטָּאת נִקְרָאִים שְׂעִירֵי עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים, לְפִי שֶׁבֵּית דִּין מְבִיאִין אוֹתָן עַל שִׁגְגַת עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים.

## פר העלם דבר של ציבור

וְאִם בֵּית דִּין שָׁגְגוּ בִּשְׁאָר מִצְוֹת כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בְּהוֹרָיוֹת,[7] יִהְיֶה הַקָּרְבָּן שֶׁחַיָּבִין בּוֹ:

5 הסנהדרין של שבעים ואחד. אבל על הוראת סנהדרין קטנה פטורים.

6 נמצא שנים עשר פרים ושנים עשר שעירים. וקרבן זה כתוב בפרשת שלח, שבאה הקבלה שמדבר בעבודה זרה.

7 דבר שחייבים על זדונו כרת ועל שגגתו חטאת קבועה, והם שלשים במנין חוץ מעבודה זרה.

- פַּר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת

וְזֶהוּ הַנִּקְרָא פַּר הֶעְלֵם דָּבָר שֶׁל צִבּוּר, לְפִי שֶׁבִּתְחִלַּת הַפָּרָשָׁה אָמַר וְנֶעְלַם דָּבָר. וְקוֹרִין אוֹתוֹ בִּמְקְצָת מְקוֹמוֹת פַּר הַבָּא עַל כָּל הַמִּצְוֹת.[8] וְהַתּוֹרָה אָמַר עָלָיו שֶׁיִּשָּׂרֵף. וְחַיָּב בּוֹ גַּם כֵּן כָּל שֵׁבֶט וְשֵׁבֶט, כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בִּתְחִלַּת הוֹרָיוֹת.

וְעַל כֵּן שַׂמְנוּ הַמִּין הַזֶּה בְּקָרְבְּנוֹת צִבּוּר, לְפִי שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ וְהִקְרִיבוּ הַקָּהָל, וְנֶאֱמַר וְעָשׂוּ כָּל הָעֵדָה ... וְכִפֶּר הַכֹּהֵן עַל כָּל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, וְנֶאֱמַר וְנִסְלַח לְכָל עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל. וְהוּא דּוֹמֶה לְקָרְבַּן יָחִיד לְפִי שֶׁאֵינוֹ דּוֹחֶה לֹא אֶת הַשַּׁבָּת וְלֹא אֶת הַטֻּמְאָה כְּמוֹ קָרְבַּן יָחִיד.[9]

## קרבנות יחיד קבועים

וְהַמִּין הָרְבִיעִי, קָרְבַּן יָחִיד דּוֹמֶה לְקָרְבַּן צִבּוּר. וְהוּא קָרְבַּן פֶּסַח שֶׁשּׁוֹחֵט כָּל אֶחָד בְּיוֹם אַרְבָּעָה עָשָׂר בְּנִיסָן כְּמוֹ שֶׁבֵּאַרְנוּ בִּתְחִלַּת פְּסָחִים.

## קרבנות כהן גדול ביום הכיפורים

וְכֵן פַּר חַטָּאת וְאֵיל הָעוֹלָה שֶׁמַּקְרִיב כֹּהֵן גָּדוֹל בְּיוֹם הַכִּפּוּרִים, וְהוּא שֶׁנֶּאֱמַר בּוֹ בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ [בְּפַר בֶּן בָּקָר לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה]. וּכְבָר נִתְבָּאֵר סֵדֶר כָּל זֶה בְּיוֹמָא, וּבְמָה שֶׁכָּתוּב בַּתּוֹרָה בְּשְׂרֵפַת הַפָּר הַזֶּה.

דּוֹמֶה זֶה הַמִּין לְקָרְבַּן צִבּוּר לְפִי שֶׁהוּא דּוֹחֶה אֶת הַשַּׁבָּת וְאֶת הַטֻּמְאָה, מִפְּנֵי שֶׁעִקָּר הוּא בְּיָדֵינוּ שֶׁכָּל קָרְבָּן שֶׁקָּבוּעַ לוֹ זְמַן דּוֹחֶה אֶת הַשַּׁבָּת וְאֶת הַטֻּמְאָה, וְכָל שֶׁאֵין לוֹ זְמַן קָבוּעַ אֵינוֹ דּוֹחֶה לֹא אֶת הַשַּׁבָּת וְלֹא אֶת הַטֻּמְאָה. וְאַל יַטְעֶה אוֹתְךָ עִנְיַן הַחֲגִיגָה, שֶׁיֵּשׁ רְשׁוּת לְהַקְרִיבָהּ כָּל שִׁבְעַת הַיָּמִים, וְכֵן עֲצֶרֶת יֵשׁ לָהּ תַּשְׁלוּמִים כָּל שִׁבְעָה כְּמוֹ שֶׁנִּתְבָּאֵר בַּחֲגִיגָה, עַל כֵּן אֵינוֹ דּוֹחֶה לֹא אֶת הַשַּׁבָּת וְלֹא אֶת הַטֻּמְאָה.[10]

8 כגון במנחות פ"ט מ"ז. אבל ברוב מקומות הכוונה לפר כהן משיח.

9 כלומר הוא קרבן ציבור, שהרי הציבור מביא אותו ומתכפר בו, אלא שדומה לקרבן יחיד בזה שאינו דוחה את השבת ואת הטומאה, והטעם לפי שאין זמנו קבוע.

10 לכאורה יש להקשות על כלל הנזכר מזה ששלמי חגיגה אין דוחין את השבת, והרי זמנם להקריב ביום ראשון של הרגל. על זה מתרץ שאמנם זמנם ביום ראשון, אבל יש להם תשלומין כל שבעת ימי הרגל, ואפילו בשבועות יכול להשלים כל שבעה.
והנה הפסח ופר ואיל של כהן גדול ביום הכיפורים הם קרבנות יחיד, אלא שיש להם דמיון לקרבן ציבור במה שדוחין את השבת ואת הטומאה. ונמצא שלענין לדחות את השבת ואת הטומאה לעולם אין חילוק בין קרבן ציבור לקרבן יחיד, אלא בין אם זמנו קבוע או לא.

איבערצוגעבן אייער בריוו

שיקט א בריוו אויף
פאסט
11 Van Buren Dr. #305
Monroe, NY 10950

שיקט א
פעקס
877.760.0544

לאזט א מעסעדזש אויף
קול איחוד
718.451.8674
Ext. 841

# כ"ג כסליו בחצר הקודש טאהש אונגארן

איך וויל אביסל איבערגעבן א גריס פון חצר הקודש טאהש אונגארן – שב"ק וישב כ"ג כסלו הילולא קדישא של רבינו הסבא קדישא זי"ע.

קודם כל קומט זיך א גרויסע יישר כח פאר די עסקנים החשובים פארן אזוי שיין אהערשטעלן דעם שבת, כאטש העסקן ר' אהרן שווארץ הי"ו איז נישט געווען, זייענדיג במלאכת הקודש זיכער צו מאכן אז אלעס קלאפט בבית המדרש הגדול אין קריתינו הק' נאכן פייער, האט ער פונדערווייטנס זיכער געמאכט עס זאל זיין אלעס צוגעשטעלט אויפן שענסטען פארנעם בעזה"י.

מנחה ערב שבת האט פארגעדאווענט הרה"ג ר' ישכר דוב מאיראוויטש שליט"א מיט א קול להבות וואס די עולם איז געווארן שטארק אריינגעשעלפט.

קבלת שבת האט געדאווענט הרב אלימלך נפתלי הירצקא לאווי שליט"א נכד בעל ההילולא, די סעודת שבת האט אנגעפירט הרה"ג ר' ישכר דוב שליט"א די עולם האט צוזאמען געזינגען שירות ותשבחות אין פארברענגט צוזאמען בשבת אחים גם יחד.

שבת אינדערפרי האט זיך א גרויסע ציבור משתתף געווען ביי תהלים, שחרית האט פארגעדאווענט הרה"ג ר' בערל טירנויער שליט"א מנהל ישיבה קטנה. פסוקי דזמרה, ראש חודש בענטשען און מוסף האט געדאווענט הרב ר' אלימלך נפתלי הירצקא שליט"א. נאכן דאווענען איז געווען א קידוש לכבוד ההילולא.

בשעת די סעודת היום האט הרה"ג ר' ישכר דוב שליט"א פארציילט סיפורים מימי קדם בצל רביה"ק זצ"ל. נאכן סעודה זענען א קבוצה אינגעלייט ארויס אויף א שפאציר בראשות הרב ר' בערל שליט"א צום "גערטל" פון דער סבא קדישא, ווי מען האט פארברענגעט מיט א היימישע אמסטפערע.

ביי סעודה שלישית האט פארגעלערנט הרה"ג ר' ישכר דוב שליט"א, און מעריב געדאווענט פארן עמוד ר' יחזקאל ברוך פעלדמאן הי"ו. הבדלה האט געמאכט הרה"ג ר' ישכר דוב שליט"א.

שפעטער איז א שיינע ציבור ארויף צום ציון הק' לאמירת תהלים. און אויך געווען א שיינע ציבור ביים סעודת הילולא ווי מען האט געזינגען לכבוד ההילולא.

יהי רצון מען זאל האבן גע'פועל'ט אלעס גוטס.

# כי תצא אש – וויאזוי קען א גאנצן ריזן היכל פארררייכערט ווערן דורך איין קליינעם ווינקל

אל כבוד מעלת אנשי שלומינו קוראי הגליון באור החיים. מיט די פאלגנדע שורות וויל איך ארויסברענגען א חלק פון מיינע הרגשים דעם פאריגן ליל שישי (פרשת וישלח) נאכן שריפה אין בנין בית המדרש הגדול דא אין טאהש, אינאיינעם מיט א נקודה למחשבה בענין קדושת בית המדרש וואס מ'קען ארויסנעמען דערפון.

האלטנדיג נאך אינמיטן שמו"ע דאנערשטאג נאכט, נאך א מנין מעריב בחדר ביהמ"ד התאחדות אברכים, הער איך פונדרויסן קולות און האלבע ווערטער, די גרויסע בית המדרש פלאקערט... א עלקטעריק פייער... און נאך. עס האט מיר געכאפט א ציטער ווען איך האב דאס געהערט, איך האב אבער נאך געהאלטן אינמיטן דאווענען. אויפן וועג אהיים שפעטער, האב איך אויך געהערט מענטשן רעדן, אז מ'האט געראטעוועט די ספרי תורה און ב"ה אלע בחורים זענען ארויס גאנץ, האט נאך מער אויסגעקוקט פאר מיר לויט די שמועות ווי דער גאנצער בנין הביהמ"ד איז איינגעהילט אין א העלישער פייער.

עס האט מיר גענאגט אין הארץ, וואס גייט פאר, דער בית המדרש הגדול ברענט, וויאזוי קען דאס זיין. דער הייליגער רבי האט דאך אריינגעלייגט אזויפיל כוחות אין קדושת בית המדרש, און דער רבי זאל זיין געזונט האלט דאס אן מיט א שטארקע כח, ער האט אוועקגעשטעלט שומרים פאר דעם, וואס זיי מאכן א מוראדיגע ארבעט, וואס מ'הערט ב"ה נישט כמעט קיין פיפס אין ביהמ"ד בשעתן דאווענען אין קריאת התורה, בפרט נאך דעם וואס הרה"ג דומ"ץ קריתינו שליט"א איז געזיצן מיט די שומרים און געלערנט מיט זיי די הלכות מחאה אויף איינער וואס ווערט נכשל און רעדט יא אין ביהמ"ד ביים דאווענען, און דאס האט נאך מער געהויבן די כבוד הביהמ"ד פי כמה, ווען די גוערים בו איז עפ"י דת של תורה נישט מער און נישט ווייניגער. אזוי אויך איז געווען א שטארקע שינו לטובה נאכדעם וואס רבינו שליט"א

האט געמאכט די תקנה נישט צו מאכן קידוש בשעתן ליינען, וואס אגב דארף מען באדאנקען אויף דעם העסקן הדגול לכל קדשי בית טאהש ר' אהרן שווארץ משמש ביהמ"ד הגדול, וואס שטייט דערויף בכל התוקף אז די תקנה זאל ווערן איינגעהאלטן, אז אפי' ווער עס פילט אז ער דארף יא מאכן קידוש, זאל זיך עס נישט אריינציען נאכן פארקויפן די עליות וועגן מ'הייבט אן אתה הראית, און מ'דארף טאקע אויך דערמאנען לשבח הבה"ח הערשל פאל נ"י וואס ער העלפט אויך ארויס שטארקן צו האלטן שטיל די כבוד הביהמ"ד. האב איך אזוי אריינגעטראכט, ווי קען זיין פונקט אזא הייליגער בית המדרש, וואס ליגט אזויפיל כוחות אריינגעלייגט בקדושת הבית המדרש, זאל די בית המדרש אפפלאקערן... איך האב ממש נישט געקענט קומען צו זיך. אבער וואס קען מען טוהן, בהדי כבשי דרחמנא למה לך...

אינדערפרי האב מיר שוין ב"ה געהערט די נייעס, אז ס'איז נישט געווען ממש אזוי. דער בנין הגדול שטייט גאנץ ב"ה, און דער היכל ביהמ"ד הגדול איז ב"ה אפגעשוינט געווארן פון פייער. אבער ווי הערנדיג שפעטער, (און מ'האט זיך עס אליינס געקענט איבערצייגן דעם שבת וישב), אז ביי איין פלאץ, ביי די קרנות אינעם היכל האט יא א לעק געטוהן די פייער צינגען, און בעיקר איז פון דארט איז אריינגעקומען א שטארקע רויעך, וואס פון דארט איז פארררייכערט געווארן דעם גאנצן היכל הביהמ"ד.

האב איך געטראכט, קוקט אויס אז עס מאכט זיך ביי די קרנות אמאל איינער געבט זיך נישט אכט און זאל רעדן, ער מיינט ער האט גארנישט געטוהן, אבער ער פארררייכערט דעם גאנצן בית המדרש...

מ'דארף נישט מאריך זיין די ניסי ניסים וואס האט פאסירט דא, די דרויסנדיגע עלעקטעריק שטאנג האט אנגעפאנגען פלאקערן, אבער דער בנין איז אפגעקומען מיט בלויז מילדע שאדן אנטקעגן וואס עס וואלט וועגן געקענט געשעהן, מ'זעהט בחוש אז עפעס האט אפגעהאלטן דא די פייער זאל נישט פאסירן וואס וואלט וועגן געקענט בדרך הטבע. ס'איז זיכער אז די קדושת בית המדרש האט אפגעהאלטן און אפגעשוינט דעם הייליגן בית השם.

אבער עכ"פ דער געדאנק איז דא. פון איין קליינעם ווינקל קען ארויסגיין א רויעך און פארפעסטעווען די לופט בגשמיות וברוחניות פון א גאנצן ריזן היכל.

נאך אן הוספה וויל איך צולייגן, אז הערנדיג דעם שבת (וישלח) אז דער רבי האט געשיקט א גרופע פון תלמידי הישיבה זאלן גיין דאווענען מוסף אינעם היכל בית המדרש הגדול, כאטש וואס ס'איז נאך נישט געווען מעגליך דעם שבת צו דאווענען און זיך באנוצן מיטן בנין, אבער כדאי ס'זאל אנהאלטן די תמידין כסדרן פון ווען דער הייליגער רבי האט במסירת נפש געבויעט דעם בנין, זאל כאטש זיין איין מנין אינעם ביהמ"ד. האב איך געטראכט, אז טאקע די בחורים תלמידי הישיבה, וואס זיי לייגן אריין א שטארקע כוחות אין עבודת התפילה און אין קדושת בית המדרש, ווי דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט, און ווי בנו חביבו יבלחט"א רבינו שליט"א לערנט אונז ווייטער, איז פאר זיי טאקע נישט מער ווי פאסיג זיי זאלן יא דאווענען אינעם בנין. זיי האט מען זיכער נישט געמיינט צו פארשיקן פונעם בית המדרש...

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מ'זאל זיך קענען מחזק זיין. און איך וויל נאכאמאל צוענדיגן מיט אן הכרת הטוב פאר די אלע אידן וואס זענען עומדים על משמרת הקודש, די גבאים וואס זענען געשטעלט און דרייען זיך ארום בשעת דאווענען, סיי יעדע וואך, און סיי ווען ס'איז דא א שמחה ביי א באווארפן וכדומה, זעה איך באזונדערע גבאים, און אוודאי אז ס'זענען דא מער געסט איז די ארבעט די שווערער.

נ.ה. פה קריתינו הק'

# הפצת גליון באור החיים, ומטעמי הגליון...

א גוטן מערכת גליון באור החיים. יעדער ווייסט אז די הערליכע גליון באור החיים ווערט צושפרייט צווישן אנשי שלומינו איבעראל, אין קריתינו הק' ובבתי מדרשינו די בכל אתר ואתר, און אויך באקומען עס אסאך אנ"ש דירעקט ארויסצופרינטן פאר זיך. אבער ס'איז אינטערעסאנט צו ברענגען אז די השפעה פונעם גליון גייט נאך אסאך ווייטער. עס איז דא א גליון 'מטעמים', א תוכנדיגע קונטרס וואס קומט ארויס יעדע וואך, ליקוטי בתר ליקוטי פון אויסצוגן פון דרשות פון רבנים און מגידים, און פון גליונות פון קהילות הקודש ועוד, וואס זיי זענען מלקט און לייגן אריין יעדע וואך אין זייער גליון.

זיי לייגן פון צייט צו צייט אריין גוטע שטיקלעך פונעם גליון באור החיים. און בעיקר האב איך שוין געזעהן אסאך מאל אינטערעסאנטע בריוון צום מערכת באור החיים וואס איז ערשינען דא אינעם גליון, וואס דאס ברענגט ארויס ווי ווייטגרייכנד די מדור מאנ"ש לאנ"ש איז... צ.ב.ש האבן זיי אריינגעלייגט די מעשה וואס איז געווען געדרוקט א צייט צוריק פון ח"י רוטל משקה אין קאלוב, פון הרה"ח ר' משולם איסר קרויס, און אזוי געפועלט א ישועה לזש"ק פאר זיין זוהל ר' אלי'. אויך האבן זיי אריינגעלייגט די מעשה וואס איז ערשינען די לעצטערע וואכן איבער די סגולה פון רביה"ק זי"ע נישט צו זיצן נעבן א פרוי אויפן פליגער פון הרה"ג ר' אברהם שארר שליט"א.

אויך איז איין וואך געווען געדרוקט דארט די מעשה וואס הרה"ח ר' יואל אלחנן פאפלאנאש משב"ק האט פארציילט, וויאזוי דער רבי האט געהייסן ר' ארי' ווייס



# הזמנה פרטית

ארייגצולייגן אייער הזמנה ביטע רופט אריין צום מערכת 718.451.8674 עקסטענטשן 840

ד

בעזרת השם יתברך

נעלה את ירושלים על ראש שמחתנו
עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים
קול ששון וקול שמחה קול חתן וקול כלה

בשבח והודאה להשי"ת שהחיינו וקימנו לזמן הזה
מתכבדים אנו להזמין את מעלת כבודכם
להשתתף בשמחת כלולת בנינו היקרים שיחיו

הבחור החתן המופלג בתוי"ש
**אלטר שלמה** נ"י
עב"ג
הכלה הבתולה המהוללה
**מרים לאה** תחי'

שתתקיים אי"ה למזל טוב ובשעה טובה ומוצלחת
ביום ה' לסדר כי לגוי גדול אשימך שם (ויגש)
אור ליום ו' טבת תשפ"ו לפ"ק הבעל"ט (ולמס' Dec 25)

קבלת פנים בשעה 6:00 והחופה בשעה 7:00 בדיוק

באולם בית צירל
251 Rue Beth-Halevy, Boisbriand, QC J7E 4H4, Canada

אי"ה ביום שמחתכם נשיב לכם כגמולכם הטוב בל"נ

ידידיכם המחכים לקראת בואכם לשלום

| הורי החתן | הורי הכלה |
|---|---|
| יואל דעססער ובו"ב | אליעזר דוד קרויס ובו"ב |
| קרית יואל יצ"ו | קרית טאהש יצ"ו |

אל מעלת כבוד חברינו וידידינו הנאמנים, אנשי שלומינו תלמידי וחסידי כ"ק מרן רבינו הקדוש זי"ע, ויבלחט"א כ"ק מרן רבינו שליט"א.

**נתכבד בזה להזמינכם לבוא ולהשתתף ולהתעלס באהובים בעת שמחת נישואי צאצאינו היקרים, בזמן ובמקום המוגבל הנ"ל, ובעזרת השם בעת שמחתכם ומועדיכם ישמח לבנו גם אנו.**

*המחותנים*

זאל באהאלטן א איד אינעם באס אדורכצוטראגן דעם גרעניץ, ארויסגענומען פון זיין דרשה פאר די בחורים ביים סעודת הילולא ז"ך אב תשפ"ה ע"י חבורת להתאחד בחורי אנ"ש. אויך האב איך געזעהן דארט איין וואך אויסצוג פונעם דרשה פונעם בדחן הר"ר שמעי' קליין פון טאהש ביים ש"ב לכבוד אב"ד קלוזש עם סיום מס' במסגרת חבורת מזון הנפש, וואס זיי האבן מסתמא געהערט אויפן איחוד טעלעפאון ליין. אויך איז געווען געדרוקט דארט די דרשה פון הרה"ג ר' משולם פייש גינזבערג שליט"א פאר די תלמידי הישיבה אין טאהש, און נאך אסאך.

אגב, ס'איז באזונדער דא איבעראל היינט ליקוטי גליונות, אזעלכע קונטרסים און אוצר הגליונות, וואס ענהאלטן אין זיך אסאך גליונות צוזאמען, איז דא פון די וואס דרוקן אויך אריין דעם גליון באור החיים צווישן אנדערע גליונות, און אסאך מאל אפי' נאר חלקים פונעם גליון ווי די הלכות פון ביאור הלכה פון הרה"ג דומ"ץ דקריתינו שליט"א, און נאך.

ח. וויינבערגער, ניו יארק

## שמחו בה' וגילו צדיקים והרנינו כל ישרי לב – דאפלטע געפילן פון שמחה

לכבוד מדור מאנ"ש לאנ"ש בגליון באור החיים.

עס איז שווער ארויסצוגעבן די געפילן שטייענדיג נאך אזא געהויבענע חנוכה לעכט צינדן פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ברוב עם הדרת מלך, וואס איז פארגעקומען אין אולם עטרת חי שרה אין מאנסי, אינאיינעם מיט די שמחת התנאים של נכדתו, בת בנו חביבו הגה"צ ר' חיים יחיאל אלטר סג"ל שליט"א, וואס איז ממש יעצט נתמנה געווארן אלס אב"ד ור"מ דקהלתינו הק' אין מאנסי.

עס ברענגט ארויף נאסטאלגישע געפילן, זיך דערמאנענדיג די התמנות פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אלס אב"ד טאהש אין די ימי החנוכה בשנת תש"ס, יעצט שפילט זיך אפ ענדליך ווען טאהש האט באקומען א נייע רב. עס איז טאקע נישט ממש די זעלבע ווי דעמאלטס, אבער היסטאריש איז עס, עס לאזט זיך זאגן אז ס'איז יעצט א דאפלטע שמחת בית טאהש, די שמחת התנאים, און אין די זעלבע צייט די שמחה פונעם נייעם רב שליט"א.

עס איז נישט נאר א שמחה פאר אנ"ש אין מאנסי, נאר א שמחה פאר אלע תלמידי וחסידי טאהש אומעטום. און איך מיין אז מ'קען זאגן, אז ס'איז נישט נאר א שמחה פאר אנ"ש אין מאנסי, נאר א שמחה פאר גאנץ מאנסי. אזוי ווייט אז במשך די שמחת התנאים זענען רבני העיר, ביים אדורכגיין געבן מזל טוב פארן רב לכבוד די שמחה, האבן זיי אויך באזונדער געווונטשן מזל טוב לרגל די שמחת ההתמנות אלס אבדק"ק טאהש מאנסי. און איך האב מיטגעהאלטן ווי א גרויסע באקאנטע רב דא אין שטאט האט ביים וואונטשן מז"ט געזאגט פארן בעל שמחה דער רב שליט"א, אז ער איז אים גרייט ארויסצוהעלפן אלס נייע רב דא אין שטאט, ממילא געבט ער אים זיין פריוואטע סעלפאון נומבער, אז ער קען אים אלץ אנרופן אויב דארף ער הילף אלס רב אין סיי וועלכע ענין.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז דער רב זאל טאקע קענען אויפטוהן אסאך בקרב קהלתינו הק' ומוסדותינו הק' אין מאנסי, און זאל קענען משפיע זיין מהודו והדרו לאנגע געזונטע יארן עם אביו הגדול כ"ק מרן רבינו שליט"א, עביגוא"צ בב"א.

א משתתף ביים גרויסן מעמד הדלקת נירות חנוכה ושמחת התנאים אין שטאט מאנסי


# איך וויל עס באצאלן, וויל איך האב הנאה פון עס!

איך געב מעמבערשיפ

$360

כדי איך זאל ווייטער קענען הנאה האבן פון אלע פעולות האיחוד!

## להתאחד בחורי אנ"ש
חבורות עבודת עבודה אין אלע שטעט יעדן ליל ששי אדער מוצש"ק מיט נאך פילצאליגע פראיעקטן געאייגנט פאר בחורי אנ"ש

## גליון באור החיים
רייכע הערליכער גליון אנגעפילט מיט מאמרים, מעשיות, הלכות, און פיל נאך, וואס ערשיינט יעדע וואך און ווערט צוכאפט דורך אלע אנ"ש

## חברה ש"ס לע"נ רביה"ק זי"ע
דער שיינער סדר פון לימוד גמרא לע"נ רביה"ק זי"ע, אין וואס יעדער מאנ"ש נעמט אנטייל

## איחוד טעלעפאון ביכל
א כל-בו מיט אינפארמאציע פון אלע אנשי שלומינו אין איין ביכל

## פרנסה ביחד
צו ארויסהעלפן אנשי שלומינו אין די פעלד פון פרנסה מיט הצלחה בס"ד, דערצו אן אינפארמאציטיווע ביזנעס ליסטינג. נאך פעולות זענען אצינד אין פלאן!

## חתונה פעקל פאר פרישע אינגעלייט
רייכע חתונה פעקל און באגריסונג וואס יעדע פרישע אינגערמאן באקומט נאך די חתונה בשעת ווען ער שטעלט אראפ די יסודות פון זיין נייער שטוב על דרך רבותינו

## קול איחוד טאהש
הונדערטער שיעורי תורה פון רבני קהלתינו הק' ברחבי תבל וואס ווערט אויסגעהערט מיט א צוזאמונגס קראפט דורך יונג און אלט

## מתאחדת בלעטל
וועכנטליכע בלעטל מיט אלע שמחות פון אנ"ש איבער די גארער וועלט, צו פארבינדן די הערצער פון אלע אנ"ש אלס איין גרויסע משפחה

## הוצאות ספרים
ספר אבותינו ספרו לנו - עובדות וסיפורים על רביה"ק זי"ע

ספר וואס איז די הלכה - שו"ת הלכות שבת באידיש

מעמבערשיפ דרייוו

פאראייניגט. פארבינדן. פארשטערקערט.

# כף ירך יעקב

## ענינים שונים בענין נס חנוכה

רביה"ק זי"ע ברענגט אין עבודת עבודה (פתג"ק) אז די נוטריקין פון די ווארט חנוכ"ה, וואס דאס איז חנ"ו כ"ה, איז די תיקוני זוהר מרמז אז דאס גייט ארויף אויף די כ"ה אותיות פון די פסוק שמע ישראל פון קריא"ש, דאס ווייזט אז דורך די מסירת נפש פון די כהנים, זיי זענען ארויס אין מלחמה טראץ דעם וואס זיי זענען געווען א קליינע צאל אקעגן א ריזיגע מיליטער, און טאקע מיט די מסירת נפש האבן זיי געזיגט, און דער אייבערשטער האט איבערגעגעבן גיבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים.

רבינו הק' פירט אויס אז וויבאלד די נס חנוכה איז געשען דורך די מסירת נפש פון קריאת שמע, וועגן דעם איז אין די טעג א זמן גרמא צוצולייגן מער הארץ בשעת'ן ליינען קריא"ש, און מער אריינטראכטן אין די ווערטער, אז מען זאל עס נישט ליינען כמצות אנשים מלומדה, נאר מען זאל אינזינען האבן מיט דעם צו מעורר זיין די שורש נשמת ישראל למעלה, וואס די שורש אויבן ווערט אנגערופן בשם "ישראל" וואס דאס איז ר"ת י'ש ש'שים ר'בוא א'ותיות ל'תורה, און אין די אותיות התורה איז מרומז אלע נשמות ישראל, און ווען מען טוט מצות ומעשים טובים ווערט נתעורר די שורש הנשמה פון אויבן, און פון דארט קומט אראפ כל מיני השפעות, ממשיך צו זיין אויף אים די אור השי"ת, און דורך דעם קענען משעבד זיין דעם גוף צום אייבערשטן.

אויף די זעלבע בחינה קען מען צוברענגן א רמז אויף די נס חנוכה וואס עס שטייט אין די פרשה פון ואהבת, אז כידוע איז יעדע ווארט אקעגן איינע פון די מ"ב שמות, און ביי ספירת העומר האט מען אינזינען א יעדן טאג נאך איין אות פון די מ"ב שמות, און א יעדע סוף וואך ביי די מדה פון מלכות האט מען אינזינען אלע אותיות פון די גאנצע וואך. קומט אויס אז די שם פון די פינף און צוואנציגסטע טאג פון ספירה איז די אות צ', און ביי קריאת שמע איז עס אויף די אות ודבר"ת, קומט אויס ודבר"ת מיט צ' צוזאמען איז בגמטריא "שבת", בא שבת בא מנוחה, וועגן דעם האבן זיי מנצח געווען, און ביום כ"ה האבן זיי גערוהט חנו-כ"ה, ווייל ווען די גמטריא פון שבת איז אנגעקומען - דהיינו יום כ"ה - בא מנוחה.

*

ענליך צו דעם ווערט געברענגט אין זוה"ק, די זוה"ק פרעגט א קשיא אז מה-דך ווען די בני יעקב האבן געזאגט פאר זייער טאטע שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, פארשטייט מען פארוואס זיי האבן געזאגט "שמע ישראל", אבער ווען אידן זאגן דאס א יעדן טאג פארוואס זאגט מען די ווערטער "שמע ישראל".

נאר וואס דען, עס שטייט אז יעקב אבינו לא מת, נאר דער אייבערשטער האט אים גענומען און אים אריינגעקריצט אין די כסא הכבוד און ער זאגט דארט שטענדיג עדות אויף די אידישע קינדער אז זיי ליינען קריאת שמע, און יעדן טאג ווען אידן ליינען קריאת שמע זאגט מען קודם "שמע ישראל", רופענדיג יעקב אבינו זאל הערן וואס אונז זאגן, און נאכדעם זאגט מען ה' אלוקינו ה' אחד, מען בעט אז יעקב זאל הערן און גיין מעיד זיין פארן אייבערשטן, און דעמאלטס ווען יעקב אבינו איז מעיד אויף אונז הייבן די מלאכים אים אויף אויף פיר פליגלען און מען טראגט אים ארויף צום אייבערשטן, און מען בענטשט אים דארט מיט זיבן ברכות, און די אייבערשטער זאגט אים "זכאה איהו אבא דזרעא דא אוליד בארעא זכאין אינון בנין דקא מעטרין לאבוהון הכי", און די גאנצע פמליא שרייט דעמאלס אויס "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", און מען גיבט דאן פאר יעקב אבינו א גרויסע שפע, און מיט דעם האט ער א גרויסע כח צו אפהאלטן שלעכטס אויף אידישע קינדער.

דאס שטימט זייער גוט מיט דעם וואס מען זעהט אין ספרים הקדושים, אז דאס ענין אז יעקב אבינו האט איבערגעלאזט די פכים קטנים די אנדערע זייט פון די טייך יבק, איז די זעלבע ענין ווי די פך שמן טהור וואס מען האט געטראפן בימי חשמונאים, און ער האט זיך דארט געראנגלט מיט די שר של עשיו, און עשיו האט פוגם געווען אין די מדת נצח והוד מיט דעם וואס ער האט אים אוועקגעריקט די כף ירכו, און פון דארט איז ארויס געקומען די נס חנוכה, זעהט מען אז די נס חנוכה קומט מיט די כח פון יעקב אבינו.

*

עס שטייט אין בני יששכר, אז די השפעות וואס קומט אראפ א יעדע שבת ויו"ט, גייט דורך די זיבן מדות, און פון די מדה תפארת גייט דאס אראפ צו מלכות, און אזוי קומט דאס אראפ צו אונז, געווענליך איז מען אונז מעלה צו א העכערע מדרגה און אזוי איז מען מקבל די שפע פון אויבן, אבער חנוכה ברענגט מען אראפ די השפעות פון אויבן אראפ אונטן נישט קיין חילוק ווי א איד איז, און וועגן דעם דארף מען לייגן די מנורה נידריג צו ווייזן אז די העכערע מדרגות קומען אראפ אונטן, און נישט אז מען הייבט אונז אויף צו אויבן.

דאס קען אויך זיין מרומז אין די תורה אז יעקב אבינו איז צוריק געגאנגען די טייך פאר די פכים קטנים, יעקב אבינו איז אקעגן די מדה פון תפארת און ער איז צוריק געגאנגען משפיע זיין פאר די פכים קטנים וואס דאס איז די קריגל אויל פון די נס חנוכה, דאס ווייזט אז די תפארת קומט אראפ אונטן צו מלכות צו משפיע זיין.

*

דער היילגער שמועה טובה פון קאסאן זי"ע שרייבט א רמז פארוואס קומט אויס חנוכה אין פרשת מקץ, דורך די גמטריות פון די שמות, די ערשטע שם איז גמטריא מ"ז, די צווייטע איז קי"ב, און די דריטע איז צ"א, די ראשי תיבות פון אלע דריי איז "מקץ".

*

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מען זאל שוין מתקן זיין די אלע מדות און אלע נשמות ישראל, און מען זאל שוין מנצח זיין אלע קליפות ביז מען וועט שוין אקעגן גיין משיח צדקנו, ומלכינו בראשינו, במהרה בימינו.

בס״ד

ביהמ״ד
זכרון אוהל
אלימלך דטאהש
מאנסי ניו יארק

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע

ביהמ״ד
זכרון אוהל אלימלך ד'טאהש
מאנסי נ.י.

CONG.
ZICHRON OIHEL
ELIMEILECH
146 MAPLE AVE. SPRING VALLEY NY

בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי״ת

# תשית לראשו עטרת פז

ברגשי קודש, וביקרא דאורייתא,
ברכותינו יעלה לראש משביר, להאי גברא רבא ויקירא,
אוצר כלי חמדה, עצה ותשויה ממנו נהנים, מצא חן בעיני אלקים ואדם,
המאור הגדול, מעוז ומגדל, דולה ומשקה, יפה פרי תואר, מזה בן מזה
פרי עץ חיים, מאלופינו ומדרכינו, כבוד שמו תפארת גדולתו

## מורינו הגה״צ

# רבי חיים יחיאל אלתר סג״ל

## לאווי שליט״א

בנו חביבו ויקירו של כ״ק מרן רבינו עט״ר שליט״א

## על אשר עלה ונתעלה ע״י אביו הגדול

# ונתמנה לכהן פאר לשרת בקודש

בסימן טוב
ובמזל טוב

# לאב״ד ור״מ
# דקהלתינו הק׳

## בעירינו מאנסי

לקל הגדול והנורא נקרא, ולמפז ומפנינים יקרה, הנותנת ומוספת וכבוד ותפארה, ומארכת ימים ו**חיים**
לתת חן וחסד ונזר ועטרה, לאמצו ולברכו ולגדלו במבקשי התורה, ולזכותו ולחיותו בטכס אורה ו**חיים**
ובכן נביע ארשת שפתינו במיטב איחולינו לברכה, שינהלינו על דרך אבותיו הקדושים לאור באור ה**חיים**
להרבות פעלים בהרמת קרנינו למעלה בג׳ עמודי העולם, מתוך בריות גופא ונהורא מעליא בשנות **חיים**
עדי נזכה כולנו יחד זקנים ונערים, לקבל פני משיח צדקינו באנפין נהירין, במהרה דידן עוד כולנו **חיים**

המברכים בקידה ובהשתחוי׳ בשם כל הקהל הקודש רברביא עם זעריא

## הנהלת הקהלה

בעזהשי"ת

טייערע בחור ברענגט אריין
דעם חנוכה די סומע פון
# $200

און באקום
דעם איבער
געפרישטן

# רשימה כללית

שנת תשפ"ו



פאר יעדן דאלער
מער ווי $200 וואס
די ברענגסט אריין

## גייסטו אריין אין א גורל אויף דעם סכום

וואס ענהאלט ווי פאלגענד:

- נעמען און אדרעסן פון אלע תלמידי ישיבתינו הק'
- פולע נומערן פון ישיבות איבער די וועלט
- הערליכע חתן פעקעדזש מיט אלע נומערן וואס א חתן קען ניצן ווי צ.ב.ש. קלאדינג, דריי גודס, גלעזער, שפילער-זינגער, און פיל מער
- ליסטע פון פילע קאר סערוויסעס לאקאל און לאנג-דיסטענס
- איבער 180 האטליינס
- א לוח מיט אלע זמנים, און פיל מער


## קול איחוד טאהש

קול בקודש מרביה"ק זי"ע • דברות ושיחות קודש מרבינו שליט"א
דרשות • שיעורים • חבורות • מעמדים • מאורעות • מודעות • שמחות • אינטערוויו'ס • ועוד

718.451.8674 | 514.500.8674 | 0.333.015.0715 | 079.704.0074

קלארע און הערליכע שיעורים
במסכת בבא בתרא (ה' עמודים)
ובמסכת זבחים (ז' עמודים)
בחבורת "מזון הנפש"
41 פון די מעין מעניו


בעזהשי"ת

## סדר הלימודים

במסגרת החבורות שע"י קהילתינו הק'

## = פרשת ויגש =

| | ז' עמודים - מסכת זבחים | | ה' עמודים - מסכת בבא בתרא | |
|---|---|---|---|---|
| | לימוד היום | חזרת השבוע | לימוד היום | חזרת השבוע |
| שב"ק מקץ-חנוכה | דף כג: | דף כ. | חזרה | חזרה |
| זונטאג חנוכה | דף כד. | דף כ: | חזרה | קלב. |
| מאנטאג זאת חנוכה | דף כד: | דף כא. | דף קלד. | דף קלב: |
| דינסטאג | דף כה. | דף כא: | דף קלד: | דף קלג. |
| מיטוואך | דף כה: | דף כב. | דף קלה. | דף קלג: |
| דאנערשטאג | דף כו. | דף כב: | דף קלה: | חזרה |
| עש"ק | דף כו: | דף כג. | חזרה | חזרה |

בחינה הבאה ביום א' פרשת ויחי
חבורת ז' עמודים – כל פרק ראשון
חבורת ה' עמודים - קכג.- קלה.

הערליכע שיעורים לימוד וחזרה קען מען הערן אויף קול איחוד טאהש
514-500-8674 - 718-451-8674
ביי 4-1 פון די מעין מעניו


יר"ע
## איחוד תלמידי חסידי טאהש

להערות והארות וכן לנדב גליון לשבוע
נא לקרוא להמערכת

איחוד תלמידי חסידי טאהש

P. 718.451.8674
EXT. 8
F. 877 760-0544
11 Van Buren Dr. #305
Monroe N.Y. 10950


די לעצטע געלעגנהייט אריינצושיקן מודעות און מזל טוב'ס פארן גליון איז:
מיטוואך 12:00 מיטאג